STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05705

VOR IN VERN

L. Olitsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי / וואָר אין ווערן

✶

וואַר און ווערן — דאָס איז אונדזער לאַנד, מיין לאַנד.

דאָס בוך איז געטיילט אין צוויי טיילן:

א. בלומען אין מיין לאַנד.

ב. צאַברעקוסטעס אין מיין לאַנד.

די בלומען פרייען מיין אויג און היילן מיין האַרץ; די צאַברעס שטעכן מיין אויג און בלוטן מיין האַרץ.

די בלומען — גלייב איך — זענען דויערנדיק און וועלן זיך מערן; די צאַברעס — צייטווייליק און וועלן פאַרוועלקן.

אָבער דערווייל טאָר מען נישט מאַכן זיך נישט־זעענדיק. אַדרבה — אָנטייטלען אויף זיי מיט די פינגער: זאָלן שטאַרקע און געטרייע הענט זיי אויסרייסן פונעם באָדן מיט די מינדסטע וואָרצלען אין געשטאַלט פון מיאוסע ווערעם. זאָל געמאַכט ווערן רחבותדיקער און פרייערער פלאַץ פאַר די בלומען — די פרעכטיקע בלומען פון אונדזער היימלאַנד!

ל. אָליצקי

וואָר און ווערן

נייע ישראל־לידער

GOLDEN AGE ASSOCIATION
5700 WESTBURY AVE.
MONTREAL, P.Q. H3W 3E8

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
1967 תשכ"ז

ל. אָליצקי / וואָר און ווערן

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

בלומען אין מיין לאנד

אונדזער נשיא — מיין שיר-הזהב

צום אָנדענק פון דער מסיבה אין בית־הנשיא
לכבוד דעם דערשיינען פון דער אַנטאָלאָגיע
פון די יִדישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד.

האָסט, ווי אַ פּראָסטער בירגער, מיך געשלומט.
איך האָב דערפילט דיין פּשוטקייט, ביינאַנד
מיט פאַטערלעכער וואַרעמקייט, אין האַנט,
און הויך אַרויפגעקוקט צו דיר פאַרחלומט,

ווי גאָר אַ מאָל בעת דער שיבת־ציון
פון בבלס טייכן מיט געוויין און פרייד ; —
אַ חלום, וואָס איז חלום און באַשייד,
ווען אַלע יאוש־קראָען זיך צעפליִען.

און צום געזעגענען, ווען דיינע רייד
מיט צערטל אויף מיין פּלייצע האָסט באַגלייט,
כ׳האָב אויף אַ רגע צוגעמאַכט די ברעמען :

דיין מילדקייט האָט מיך דורכגעשטראָמט אַזוי,
אַז כ׳ווער אַן אויפגעצאַפּלט טריפל טוי,
וואָס גאַרט דאָס גאָרע זונליכט צו פאַרנעמען...

גבעתיים. אַפּריל, 1965

נייע לידער

וועט דען דעם ליבהאָבער דערעסן
צו זינגען זיין געליבטער לידער? —
ווי ער די אַלטע וואָלט פאַרגעסן,
ער ווערט נישט מיד איר זינגען ווידער.

אַזוי אויך מיר, מיין לאַנד, דערעסט נישט
מיין ליב־און־לייב דיר זינגען ווידער;
מיר לייכט די האָפנונג, אַז דו ועסט נישט
פאַרשעמען מיינע נייע לידער.

גבעתיים. דעצ., 1964

בלומען אין מיין לאַנד

ווען כ׳קוק אויף אייך פאַרטראַכט גאָר לאַנג,
איר וווּנדערלעכע בלומען פון מיין ערד, —
איך ווער דער באָדן וואָס אייך נערט
און זינג מיט אייך קאָליר־געזאַנג.

אַ בונטע לויב איך זינג דורך אייך
צום הימל, וואָס האָט מיר באַשערט
צו זיין מיין לאַנדס אַ גרידקע ערד,
צו זיין מיט אייער שפע רייך.

גבעתיים. מאַי, 1966

בלומען

פאַראַנען בלומען אָפּנהאַרציקע און גרייטע
צו דינען אונדז מיט זייער האָב־און־גוטס דעם גאָרן.
זיי האַלטן פאַר אונדז אָפן טיר־און־טויער ברייטע —
מיט חושים איידלפיין אין זיי אַריינצופאָרן.

מע קאָן די פאָרעם זייערע גענוי באַטראַכטן,
פון דרויסן און פון אינעווייניק אָן שום חילוק,

נישט אָנצוטרעפן אויף קיין שפּעלטל קיין פאַרמאַכטן;
זיי בעטן אונדז בלויז איינס: נישט רייס אונדז, נישט פּאַרטיליק.

מע קאָן געני בּאַשויען זייערע קאָלירן
אין זייער וווּנדערלעך־האַרמאָנישער שאַטירונג,
מיט איין באַוואָרעניש: דו זאָלסט אונדז נישט באַרירן,
ווייל ס׳איז פאַר אונדז פאַרלענד די מינדעסטע באַרירונג.

איר קאָנט פון זייער דופט, ווי פיל איר ווילט, געניסן —
דערויף גאָר ברייט צעעפנט זיך פאַר אונדז זיי האָבן,
מיט איין באַדינג נאָר, און סע דאַרף אונדז נישט פאַרדריסן:
מיר זאָלן מיט די נעז אין זייער האַרץ נישט גראָבן...

און ס׳זענען אויך אַזעלכע דאָ: אין זיך פאַרמאַכטע,
וואָס ווילן קיינעם נישט מיט זייער עשרות דינען;
פאַרשלאָסענע אין זיך, אין האַרץ אַריין פאַרטראַכטע,
זיי וואַרטן אָפּ בלויז אויסדערווײילטע געסט — די בינען.

נאָר אומגעריכט אויך זיי אויף אונדזער עסטיש קומען,
מיר זאָלן זייער דופט און זיסן זאַפט געניסן —
דעם האָניק, צו דערקוויקן־פרייען אונדזער גומען, —
אויף אייביק וועסטו פון דער וועלט זיך נישט פאַרשליסן.

גבעתיים, יוני, 1966

אין ווידערגעבורט

י. ד. בערקאָוויטשן צו זיינע גבורות —
מיט פאַרערונג און פריינדשאַפט.

א. כמאַרעס

ביי נאַכט זיי האָבן, ווי גנבים, אָנגעצויגן,
סע זאָל קיין שום בן־אָדמס אויער נישט דערהערן,
און צוגעגנבעט ביי דעם הימל זיינע אויגן —
די זילבערנע לבנה מיט די דימענט־שטערן.

פון פרייד זיי זענען זיך אין אַ געריויש פאַרגאַנגען —
אַ יובלשאַל פון שמייסנדיקע שטראָמלעך רעגן,

וואָס בויערן — צום האַרץ פון דרערד זיך צו דערלאַנגען
דורך אַלע אירע שפּאַלטן־און־שפּאַרונעס־וועגן.

מיט זיי צוזאַמען אויך די נאַכט איז אויסגערונען,
און ס'האָט דאָס זונאויג אויפן מזרח — אין דער נידער
דערזען זיך אינעם טוי אויף דרערד: מיליאָנען זונען!
די שיינע ערד — נאָר אויסצוקושן אירע גלידער!

אָקטאָבער, 1965

ב. ערב־מוטער

ביסט קליין, און זעסט מיר אויס
אַזוי מיין גרויס!
איך בליק אַריין אין דיינע אויגן טיף,
און זע דעם אוצר, וואָס וועסט טראָגן אויף דיין שויס.

איך זע דיך — ווי אַ שיף,
מיט כל־דאָס־גוטס געלאָדן,
אַריינשווימען אין חיפהר האַפן.

כ'פאַרנעם דעם וייכן קלאַנג
פון דיין געהיטן גאַנג,
אין ציטערניש, נישט אָנצוטאָן קיין שאָדן —
אַ תפילה־יובלדיק געזאַנג.

דו גייסט געלאַסן־שטיל, ווי נישט אין שיך,
און איינגעהאָרכט אין זיך,
ווי וואָלסט געטיילט,
געציילט
די טראַפּן
פון דיין געזאַנג.

דיך נאָכצוקוקן טיף גערירט־צעקוועלט
איך ווער נישט מיד;
אין מיין געמיט
מיט דמיון־טרערן פון צעשטראַלטער פרייד
כ'באַגיס זיך, און באַוואַש,
און בענטש דיך, ערב־מוטער, בענטש:

דער רייפנדיקער אין דיין אינגעווייד,
פאַר אונדזער לאַנד און גאַר דער וועלט,
„עולה־חדש״
זאָל אויסוואַקסן אויף אונדזער קינדעראַש
אַ יידנייד
און מענטשנמענטש...

גבעתיים, יולי, 1965

ג. אָן פרעסט און שנייען

ס׳איז ווינטער אין מיין לאַנד. אָן פרעסט און שנייען —
די פּראַכט, וואָס דימענט־זיך אַקעגן זון;
דער הימל כמאַרעט זיך, די כמאַרעס שפּרייען,
און ס׳ציטערט־אויף אין האַרץ אַ בענקשאַפטסרון.

נאָר מיט דער בענקשאַפט וועקן זיך די ווייען,
און דעם זכרון שמיצט אַ בליצנרוט:
סע וויקלען פאַר מיין בליק זיך שטחים שנייען —
מגילות, אויסגעווירעטע מיט בלוט.

אויף שניי־מגילות פּוילישע איך לייען
די שריפט, געכתיבהט ווי מיט פלאַם
פון שקיעות, וועלכע קיין מאָל נישט פאַרגייען, —
ווי מ׳האָט פאַרלענדט אַ דריטל פון מיין שטאַם.

מיט בלוט באַכליאַפּעט האָט דער דייטש די שנייען,
און ס׳האָט דאָס בלוט געכתיבהט זיך אַליין: —
די פלעמלדיקע אותיות באַשטייען
אויף בלייבן אייביק, ווי נר־תמידס, שטיין.

אָ, זיי געבענטשט, מיין לאַנד אָן פרעסט און שנייען,
וואָס טרייבסט זיי מיט דיין גאָלד־און־גרין אַרויס
פון מיין זכרון, אין מיין זעל צו זייען
די קערנער טרייסט, וואָס וואַרעמסט אין דיין שויס.

גבעתיים, דעצעמבער, 1965

ד. אין רגעס פון וועלקונג

אין רגעס פון וועלקונג פון לייב און פון גייסט,
ווען זיקנה מיט שניישטויב די האָר מיינע ווייסט; —

דער שאַרבן מיט חשבון־הנפש ווערט פול,
און ס׳חוזקט אַ שטים: „דער סכהכל איז — נול!...״, —
פאַרמאַך איך די אויגן, אין פלאַמרויט פון שאַנד,
און לאָז פאַרן בליק דעפּילירן מיין לאַנד,
דאָס לאַנד אין פילפאַרביקן וווּנדער־געשטאַלט,
ווען ס׳אויג פונעם הימל אויף דעם זיך פאַרהאַלט
און בענטשט עס מיט ליבשאַפט און האַרציקן גלי:
„געראָטן אין דיר זאָל די ייִדישע מי...״; —

אָט זע איך: די ימים אין ברויזיקן שוים;
די טייכן און טייכלעך, וואָס שפּיגלען דעם רוים;
די זאַמדן און פעלדזן, די טאָלן און בערג,
מיט הוילע, אין זונגלי צעכראַסטעטע קערק;
די וועלדער, די פעלדער, פאַרכלינעט מיט גרין;
אַ שיכור־פאַרדבקהט־צעזשומעטע בין;
די בלומען פאַרגאַפן מיך — כ׳ווייס נישט, וואָס פריר
באַוווּנדערן: פאָרעם, צי דופט, צי קאָליר? —
אַלץ פרישט זיך אַריין אין פאַרוועלק פון געמיט,
און ס׳קערט זיך מיין יוגנט מיר אום מיט איר ליד...

גבעתיים, מאַי, 1965

ה. * * *

ס׳איז שוין די פּרעמדע אַרויס פון מיינע ביינער,
ווי בייזער ווינטער אינעם הויך פון פרילינג.
יעקב כ׳פיל זיך איצט — אַן איינאַליינער,
און נישט מיט עשו געפּאָרט אין צווילינג.

איצט רוט די היימישקייט אין מיינע ביינער,
בריט אויס פאַר מיין נשמה בלויע טויבן; —
איך זע זיי שוועבן דורך דער לופט דער ריינער
אין שפּיגלען לויטערע פון העלן גלויבן...

גבעתיים, יאַנואַר, 1965

אויף אַ פרימאָרגן־שפּאַציר

...פאַרלענדטער ברודער, ברוך, קום מיט מיר שפּאַצירן,
מיט ליבשאַפט וואַרט מיין האַרץ און בענקענדיק געביין.

איך וועל, צעציטערט, דיך אין אונדזער היימלאַנד פירן; —
ביינאַנד מיט דיר מיין זעל וועט זיך דערפילן ריין.

מיט דיינע אויגן וועל איך קוקן אויף די שטחים,
באַגאַסענע מיט בלויער לויטערקייט און שיין,
און אויפכאַפּן דעם פליגל־שימער פון מלאָכים,
וואָס פלעגן אָפּטע אורחים ביי די אָבות זיין.

מיט דיין געהער איך וועל פאַרנעמען זייער זינגען
אין גאַנג צום טאַקט פון זייער פייערלעך געזאַנג;
ביינאַנד, אין פאַרכט, מיר וועלן „קדוש־קדוש!" שפּרינגען
און בלייבן שטיין געשמידט־פאַרגאַפט אין מיטן גאַנג. — —

*

„שאָלאָם! געבענטשט זייט, אייניקלעך! שאָלאָם!" — דערהערן
אַ ווייכע שטים מיר, און מיר זוכן זי אַרום:
צי קומט זי פון דער ערד? צי גאָר פון זון־און־שטערן?
און ענטפערן אין האַרץ איר, ווייל די קעל איז שטום

פון איבערראַשונג... עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזביידע
אַ טראַקטאָר מיט אַ טראַקטאָריסט... כ׳דערקען אים גלייך:
— אוי, ברוך, ס׳איז רב ברוך! אונדזער עלטערזיידע!
צי?... דו אַליין?!... ס׳איז אונדזער לאַנד מיט נסים רייך!

צעשמייכלט זיך דער זיידע: „אייניקלעך, גייט ווייטער,
סע וואַרטן נסים אינעם נסים־לאַנד אויף אייך נאָך פיל".
מיר פאָלגן... איבער אונדז די זון — אַ פייער־שייטער,
נאָר תכלתדיקע פליגל פאָכען מילד און קיל.

און ס׳טריפט אויף אונדז, ווי טוי, אַ לעכצנדיקער ניגון,
אַ היימישער, כאָטש מיר באַנעמען נישט זיין זין, —
צי פלעגט די מאַמע אונדז מיט אים צום שלאָף פאַרוויגן?
צי ס׳איז דער ניגון פון רב אַהרון מקאַרלין,

וואָס ס׳פלעגט דער ראַטנער זיידע זינגען צו די זמירות?
און, ברוך, כ׳הער דו שעפּטשעסט מיט באַדויער, שטיל:
„כ׳האָב נישט דערשאַצט אייך, זיידעס, אייער גרויס עשירות
און מעכטיקייט פון פרומען גייסטיקן געפיל..."

סע שפּראָצט אַרום, און ס׳וואַקסט אין האַרץ דער פאַרגעניגן;
דו שעפּטשעסט ווידער מיר אַריין אין דעם געהער:
„איך האָב געטראַכט: איך וועל די זיידעס איבערקליגן,
אַצינדערט ווייס איך — ווער געווען ס׳איז קליגער, ווער...״

„געמיינט, איך קעמף מיט זיי — געקעמפט מיט ווינטנמילן
און אין מיין בלינדקייט זיי באַליידיקט, ווי אַ בור,
פארשוועכט די הייליקייט פון זייערע געפילן
און נישט געשוינט דעם זילבערשטויב פון זייער שפור...״

*

סע ליגן פאַר אונדז פעלדער — אָפענע מגילות
פון אַלערליי קאָלירן ביז אַ קייט פון בערג, —
דאָס האָט דער זיידע מיטן טראַקטאָר און מיט תפילות
אַרויסגעכישופט אָט די שטראַלנדיקע ווערק.

זע־זע! אַ ים פון שעפסן קומט אונדז אָן אַנטקעגן,
אַ שעפּסל אין אַ שעפּסל איינגעטוליעט צאַרט, —
ווי ס׳וואָלט דער ים אונדז אָפּגעשלאָסן אַלע וועגן,
פאַר זינד אַן אויסטערלישער מבול אונדז דערוואַרט...

נאָר אומגעריכט — אַ נס: דער ים זיך שפּאַלט אין צווייען,
מיר גייען־דורך אים, ווי דעם ים־סוף גאָר אַ מאָל,
און לעם דעם פּאַסטעך, דעם ברייטפּלייציקן, מיר שטייען
און נעמען אויף זיין ווייך און מילכיק־וואַרעם קול:

„שאַלאָם אייך, שעפּסעלעך! כ׳בין שיר אַראָפּ פון זינען
פון גרויסער זאָרג: צי האָט איר נישט פאַרבלאָנדזשעט ווייט?
צי וועט איר שוין, חלילה, נישט דעם וועג געפינען,
פאַרצוקן וועט אייך, ווי אַ וואָלף, דעם הפקרס צייט...״

„כ׳נעם אָן דייך שטראָף. שטראָף הייסער, זיידע יעקב מאיר, —
זאָגט ברוך, שטאַמלענדיק, ווי אָטעם אים פאַרפּעלט —
און, ווי מיט ריטער, שמייס מיך, דעם אויף־שטאָלצן־גייער...
צי האָב איך, זיידע, שוין פאַרשפּילט מיין יענע וועלט?״

„וואָס רעדסטו, קינד? דיין טויט איז דאָך דאָס אייביק לעבן! —
צעשמייכלט זיך דער זיידע — דו ביסט אונדזער ציר;

די ווילדע שטיפערייען זענען דיר פֿאַרגעבן,
און אַלע אָבות, קדוש, גרייסן זיך מיט דיר".

גבעתיים, דעצעמבער, 1964

אונדזער ווינטערזון

די ווינטערזון אין אונדזער לאַנד
גלעט צערטלעך, ווי אַ מאַמעס האַנט;

דעם פּלאַם פֿון ליבשאַפֿט האַלט זי איין —
זיין ברי זאָל נישט פֿאַרשאַפֿן פּיין;

און ווען אַ כמאַרע זי פֿאַרשטעלט,
ווערט פֿינצטער איר און אונדז די וועלט

און פֿול מיט ציטעריק געוויין, —
די כמאַרע ווינט, צי מיר אַליין?

ערשט ווען זי גיסט זיך אויס, צערינט —
די מאַמע קושט זיך מיטן קינד.

אַ וויזיע אין פֿעלד

ווי נאָמענט מען דעם וואונדער? — דעם שפּאַציר
דורך פֿעלדער אויפֿגעכראַסטעטע צו ווייטן!
איך גיי, צי שוועב? דעם באָדן קוים באַריר;
דער חלל — רונד און טיילט זיך נישט אויף זייטן;
אין ריינער לופֿט מיין ליבוואָג איך פֿאַרליר,
און ס'פֿאַלן אייך די גרענעצן פֿון צייטן,

איך בין אַ לייכט געוועבל אינעם רוים,
אין מיטן זוניק־גאָלדפֿעדעם־געוועבן —

אַ לעקל פון אַ גאָלדגעקרויזטן טרוים
אַן עמעצנס, וואָס רופט זיך „אייביק לעבן"
און פאַר זיין ווילן איז נישטאָ קיין צוים...
אָט זע — ווער קומט עס קעגן מיר צו שוועבן ?

אַ שטאָלץ געשטאַלט, מיט אויגן — קוואַלן פרייד,
און, ווי אַ שטערן, שטערנט זיך זיין שטערן ;
צי האָט ער קיין מאָל נישט געזען קיין לייד ?
צי קיין מאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון טרערן ?
„כ'בין ירמיהו..." — זאָגט ער שטומערהייט,
און ס'לאָזט זיין שטומקייט, ווי אַ שאַל, זיך הערן —

„מקונן, וועלכער ביטער האָט באַקלאָגט
די וועגן ציונס, שוואַרצע פון אַבלות,
און איבער זיי — אַ פלאַמענגרויל, וואָס נאָגט
דעם הימלס לעצטן איסגעבלאַסטן תכלת ;
און ערשט... קוק אַן : ווי פרייד צעגרינטע שלאָגט
פון אויפגעלעבטער ערד !... באַזינג, דערצייל עס !" — —

גבעתיים, דעצ', 1964

ליד פון אַ יורד-ועולה

אַ תאַווה מיינע בלוטן האָט צעזאָטן,
און גלייכגילט האָט פאַרגליווערט מיין נשמה ;
דער תכלית-הימל האָט פאַרשלייערט זיך מיט שאָטן,
און שטום געוואָרן איז דאָס „קול ברמה"...

סע האָט מיך, ווי אַ טעמפּן שעפּס, געבונדן
די לוסט פון פרעמדן לעבן צו גענישן, —
די פרעמד, וואָס האָט מיין הויט געשונדן
און מיינע צאַרטע עופעלעך צעריסן.

איך האָב די אויסגעבענקטע היים פאַראַטן,
מיט האַסנדיקער פרעמדקייט זנות צו טרייבן ;

סע האָט מיך נישט געהיט דאָס בילד פון טאַטן,
ווי יוספן, איך זאָל זיין זון פאַרבלייבן.

איך האָב געגנאָסן פרעמדקייט מיט אַ ווילן
דאָס טעלערל פון הימל צו דערלאַנגען,
ווייל תאוות ווילן קיין מאָל זיך נישט שטילן, —
צום האָריזאָנט איז קיינער נישט דערגאַנגען.

ביז איין מאָל אין אַן אָוונט... כ׳גיי שפּאַצירן,
אַ זאַטער מיט געניוס, אַן אויסגעשעפּטער;
איך לאָז די פיס — זיי זאָלן מיך שוין פירן,
און טראַכט נישט גאָרנישט: כ׳בין דאָך אַ געקעפּטער...

ווי פּלוצעם גלעט אַריין זיך אין מיין אויער
אַן אַלטער, ציטעריק־פאַרבענקטער ניגון,
אַ דורכגעזאַפּטער מיט געדעמפטן טרויער:
„הלא תשאלי...“ און הייבט אָן צו וויגן

מיין אָפּגעקעפּטן קאָפּ, וואָס נעמט זיך שרויפן
און שרויפט אַרויף זיך אויפן גוף... דער דיכטער
הלוי אויף אַ וווּנדערלעכן אופן
באַזעצט זיך אין מיין האַרצן, ווי אַ ריכטער... — —

פון איצטער אָן איך האָב שוין נישט קיין רו מער:
הלוים לעכצונג צערט מיין האַרץ אָן אויפהער,
סע שווערט אַראָפּ מיין קאָפּ זיין שווערער קומער, —
ס׳איז אויס מיט מיר, דעם פרעסער און דעם זויפער! —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַט־אַט פאָר איך צריק מיט אונדזער „שלום“
און פיר מיט זיך הלוין אין מיין האַרצן, —
צום צווייטן מאָל פאַראמתט זיך זיין חלום —
איך וועל שוין מער זיין האַרצלאַנד נישט פאַרשוואַרצן.

גבעתיים, דעצ׳, 1964

צוויי סאָנעטן

א. אסתרל ווייצמאַן

„עדמונד דיין און יוסף איפּאַרגאַן זענען, ביים
וועלן ראַטעווען דאָס זיך טרינקענדיקע ניינ־
יאָריק מיידעלע אסתרל ווייצמאַן, אין נחל־
לכיש, צוזאַמען מיט איר פאַרשלעפּט געוואָרן
פונעם שטראָם״.

(פון צייטונגען)

קאָן זיין — דו האָסט געפּלאַנצט אַ ביימל טו־בשבט,
ווען ס׳האָט אַ רעגנדל געזיפּט, קוים־קוים געקאַפּלט;
צעשפּילט, צעשטיפט, מיט קינדערישן יובל זאַט,
דיין הערצל האָט צעפּלאַטערט, הייס און צאַרט געצאַפּלט.

שוין אַנענדיק דעם שפּעטערדיקן שטאַלטנעם בוים,
וואָס מיט זיין גרינעם בלעטערוואַרג צעווינטלט פלאַפּלט;
און פּלוצעם... ס׳האָט דער וואַדי־פלייץ מיט צאָרנשוים
אַ כאַפּ געטון, דערשטיקט דיך, ערגעץ־ווו געמפּילט...

דיין ביימל וועט זיך אַנגעמען און צו דעם רוים
פון יאָר צו יאָר זיך דיקערן און העכער שטייגן;
דער שטאָם וועט וועגן דיין פאַרשניטן לעבן שווייגן.

און ס׳גרינע בלעטערוואַרג אַ „קדיש״ שעפּטשען קוים... — —
און אויב דער בוים איז אויסגעטרוימט בלויז פונעם דיכטער,
וועט ער פאַר דיר אַ דענקמאָל זיין אַן אומגעריכטער...

ב. עדמונד דיין — יוסף איפּאַרגאַן

איר האָט צום וואַסערליזב אין שלונג אַריין געשפּרונגען,
די הערצער — פויקן פון אַלאַרעם: „ווי! געוואַלד!״,
צו ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן, ניין יאָר אַלט, —
איר, קרבן־ווילִיקע, הייסבלוטיקע, צוויי יונגען.

און ס׳האָט דער ברילנדיקער לייב אויך אייך פאַרשלונגען;
דער לייב איז בייגעקומען אייך, און איר — דעם טויט:
דער הימל האָט זיך איבער אייער טאַט צעבלויט,
מלאכים האָבן זיך מיט לויב פאַר אייך צעזונגען.

ס׳איז אַ צוואה פאַר דער יוגנט אייער מוט,
ער וועט אַריין און אומקרייזן ביי איר אין בלוט,
ס׳זאָל ווערן אינעם האַרץ געלייטערט־ריין פון פסולת;

„ווער זאָגט: דער נייער דור איז — דאָרן, צאַבריש, שלעכט?!
קוקט אָן אַ מוסטער זיינעם! זעט, ווי הערלעך־עכט!״ —
הילכט אייער שטאָלצער שם אויף קולי־קולות.

גבעתיים, יאַנואַר, 1965

דער פרירעגן

נישט וואָר, אַז גרויע פאַרב איז שטילער טרויער:
אָט כמאַרעט גרוי זיך אָן דער הימל בלויער,
אויף פנימער אַ גרויער שאָטן שפרייט זיך, —
און זע: דאָס האַרץ ביי יעדן פויער פרייט זיך,
דערוואַרטנדיק אַ ברכהדיק פאַרמעגן,
אין פרומער האָפענונג: עס קומט אַ רעגן!
די קוואַרע ערד מיט אויפגעדעקטע ריפּן,
דערשפירנדיק אַ פייכטקייט אויף די ליפּן,
דערכאַפּט זיך פון חלשותדיקן דרימל
און ציט זיך, ציט זיך צו דעם הימל;
און ס׳ציט דער הימל צו דער ערד זיך, ציט זיך,
אַ פייערדיקע לײדנשאַפט אין אים צעגליט זיך,
אין קילער לופט נעמט פיבערן און שוויצן,
און ברילט מיט דונערן, און שיסט מיט בליצן,
און ס׳טוט אַ פלייץ פון פיל מיליאָנען קאַנען —
די ערד די לעכצנדיקע צו באַמאַנען — —
און ווידער שיינט די זון — דערזעען אַלע:
אַ פרישע וועלט, ווי אַ באַגליקטע כלה!

גבעתיים, יאַנואַר, 1965

אונדזער זון אין שבט

נישט נאָר זי גליט נישט און נישט בריט,
נאָר מאַכט דעם גייער אויך נישט מיד, —
זי הענגט אין רוים — אַ שטראַלנליד.

העל־זילבערלעך איז איר קאָליר,
און מילד און צערטלעך איר באַריר, —
אַ זון — אַ מאַמע איבער מיר!

און נישט זי בלענדט ביז מאַכן בלינד,
נאָר מיט אַ שטראַל צו זיך פאַרבינדט
און — טרוי זיך אָן דיין מאַמען, קינד!

ישראלס זון פון שבט, אַ דאַנק!
ס'איז נאָר אַ שאָד און זייער באַנג,
פאַר וואָס דו ווילסט אַזוי נישט לאַנג!

איך קוויק מיט דיר זיך נישט צו זעט,
און ס'וועט ביי נאַכט מיר, אין מיין בעט,
זיך חלומען דיין סאַמעט־גלעט...

גבעתיים. יאַנואַר, 1965

באַלאַדע פון מיין תחיית־המתים

אויף אַ געוויינלעכן שפּאַציר אין גאַס
האָט מיט אַ פאַרשבליק מיך אַ קינד באַגעגנט,
צעשמייכלט זיך, האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס,
און גלייך מיט מיר זיך, שווייגנדיק, צעזעגנט.

נאָר ס'בלייבט זיין בליק פאַרשטאָכן טיף און פעסט
אין מיין געמיט, פאַר מיר אַליין פאַרבאָרגן...
זיין שמייכל אָבער, ווי אַ נס, ער נסט
און טרייבט פון מיר די וואָכעדיקע זאָרגן. —

איך האָב דעם גאַנצן טאָג געשפּאַסט, געלאַכט:
דער טאָג — אַ שמייכל פון אַ קינד... און ס'לאַכט זיך; —

אַז ענדלעך מוז ער אָפּטרעטן דער נאַכט,
אַפילו אויף אַ ווייל איך נישט פאַרטראַכט זיך.

ביז — ס׳ראַנגלט דער פאַרנאַכט זיך מיטן טאָג,
דער טאָג פאַלט טויט אויף מערב־זייט, צעבלוטיקט;
פון ערגעצן גייט אויף פאַרשטיקט אַ קלאָג,
און מיין געמיט נעמט אומעטן אַנטמוטיקט.

איך טו אַ פאַל אויף מיין געלעגער מיד
און זוך דעם שמייכל, מיין געמיט צו קוויקן,
און פיל: דער שלאָף די גלידער מיינע שמידט,
כאַפּט אָן מיך פאַרן האַלדז און נעמט מיך שטיקן...

וואָס בריט עס אין מיין האַרצן ביזן שפּיץ —
פון מדבר־סנה אַ גליענדיקער דאָרן?
און פלוצעם טוט מיר אין געדאַנק אַ בליץ:
דער בליק פון מילדן קינד!... ער שטומט מיט צאָרן:

„צו טרינקען שמייכל האָסטו אַלץ נאָך דאָרשט,
אַ טאָג מיט פרייד און ס׳האָט דיך נישט דערעסן!
כ׳האָב דאָס טאַקע אין דיין געמיט געפאָרשט:
צי האָסט די אומגעבראַכטע קינדער שוין פאַרגעסן?

„מיליאַרדן שמייכעלעך, אין קנאָספּ פאַרהילט,
נאָך נישט געבוירענע — אַוועק אין פלאַמען, —
צי האָסטו אָט דעם ריזנבראָך דערפילט?
פון אָט דעם צער פאַר וואָס זשע ברעכסטו נישט צוזאַמען?" —

איך בין שוין נישט אין בעט ביי זיך אין שטוב —
אין קבר אויף מיין שטעטלשן בית־עולם...
ווער וועקט עס מיט אַ קלאַפּן אויף מיין גרוב?
נאָר כ׳ליג געליימט, פון ביין אָן לייב אַ גולם;

ווי פלוצעם טוט אַ שטים מיך אַ צעטראָג:
„פאַרנעם פון גואלס שופר־בלאָז דאָס שאַלן!..."
מיין אָרון ווערט אַ פאַס און טוט אַ יאָג,
זיך קייקלענדיק דורך ערדישע קאַנאַלן;

זי קייקלט מיך צום אָבות־לאַנד מיט מוט,
באַנאַדלט אינווייניק מיט נאַצי־בליקן;
די נאָדלען זויפן־אָן זיך מיט מיין בלוט,
און די יסורים געבן מיר אַ תיקון...

זי טוט, די פאַס, אַ הייב זיך פאַר אַ מאָל,
אַ שפּרונג אַרויס אויף העלפטן צוויי צעשפּאָלטן —
אַ ריזיק איי... און וואָס איז אין דער שאָל?
ס'בין איך אַליין געווען דערין באַהאַלטן!...

איצט ליג איך... אויף מיין בעט, מיט ליכט באַשטראַלט —
די זון איז לאַנג שוין לויטער אויפגעגאַנגען,
און דורכן פענצטער אין מיין אויער פאַלט
גערויש פון שולקינדער, געריידן, געזאַנגען...

גבעתיים, מערץ, 1965

באַלאַדע פון מאַמע און זון פסח צום סדר

א

זי ווייסט, די מאַמע, אַז ער וועט נישט קומען —
דעם סדר פּראַווען ערגעץ־דאָרטן אין „צבא",
דאָך כאָוועט זי אין האַרצן פאַר אים בלומען
פון בענקשאַפט אין דערוואַרטונג און אין צער.

פון האַרצן חוזקט אָפּ דער קאַלטער שכל:
„דו ביסט שוין אַ פאַרפאַלענער אַ נאַר!"
און ס'ענטפערט אומעטיק דאָס האַרץ מיט שמייכל:
„כאַטש נעם און הינטער קראַטעס זיך פאַרשפּאַר...

„איך פלעג אויף אליהון קינדוויז וואַרטן,
מיט יעדן קלעפּעלע כ'האָב אים געגאַרט,
און טאַקע תמיד זיך אויף אים דערוואַרט...

„לאָך, לאַך פון מיר מיט דיין געלעכטער האַרטן,
אָט שפּיר איך שוין אין בענקשאַפט־ציטער... כ'שפּיר:
מיין זון!... מיט בענקשאַפט קלאַפּט זיין האַרץ אין מיר..."

ב

— פאַר וואָר, דו ביסט געקומען, זון, געקומען!
איך הער: דיין מאַרשטראָט גייט דאָרט אויס אין וועג...
מיר רעדן שוין אין אויסגעדאַכטן שטומען,
איך זאָג דיר: „דאַכט מיר, ביסט גאָר נישט אַוועק!"

— אויף מינדסטן וווּנק מיר גריילעך זיך פאַרשטייען
און כאַפּן־אויף דעם האַרצנס מינדסטן ריר...
און איצט... דעם סדר אָפּריכטן מיר גייען,
דאָ — דו מיט מיר, און דאָרטן — איך מיט דיר...

— און לאָמירביידע מיטן ווײַן זיך קוויקן,
און אין דער ווייט, ווי כ'פּלעג עס קינדוויַיז, בליקן
אַריבער גרענעצן פון באַרג־און־טאָל.

— און זעען אליהון פריילעך שפּרייזן,
און ווו אַ ייִדיש הויז, זיך דאָרט באַווייזן,
און מאָנען: „ס'וואַרט אויף אייך דאָס לאַנד ישראל!..."

שער־הגולן־גבעתיים, פסח, תשכ"ה (1965)

באַלאַדע פון באַליידיקטן נביא אין ישראל

פון אויבן, צווישן וואָלקנדלעך אין הימל,
אַן אויג אַ שומרס — די לבנה, וואַכט.
די וועלט איז איינגעטוליעט אין אַ דרימל,
אין שויס פון ערשטער פּסחדיקער נאַכט.

ווער שפּרייזט דאָרט איבער זילבערוויַיסע שליאַכן,
וואָס שלענגלען זיך אַריין פון לאַנד אין לאַנד?
אַ שטאָלצער זקן מיט אַ בליק אַ וואַכן
בליצט דורך דעם העלן רוים פון ראַנד צו ראַנד, —

ס'איז אליהו... זע: ער ווערט נישט עלטער,
דער זעלבער לייכטער טראָט יאָר־אויס, יאָר־איין;
דער יונגער מאַן, אַלס זקן אַ פאַרשטעלטער,
וועט היינט פאַרזוכן פון מיליאָנען בעכערס ווײַן,

נישט ווערן שיכור און נישט מיד צו שפרייזן
פון שטאָט צו שטאָט... ווו נאָר אַ ייִדיש הויז,
ער וועט זיך פאַר די קינדערלעך באַווייזן:
אַריין, אַ זופּ פון בעכער און... אַרויס.

דעם זקנס פּיס זיי זענען פליגל זיכער,
וואָס שטאָט צו שפרייזן, שווינגען זיי — ער פליט;
און וואָס די נאַכט ווערט טיפער, פליט ער גיכער;
דאָס האַרץ זיינס — ווי אַ כשר־שטיין, צעגליט

פון פרייד פון יומטובדיקע ייִדן פרייע; —
און ענדלעך ביי אַ קיבוץ שטעלט זיך אָפּ
און האָרכט זיך איין: מע זינגט דאָ לידער נייע —
דער „שפוך חמתך...״ איז פון סדר שוין אַראָפּ?...

צי האָבן זיך געענדערט דען די גויים —
באַקומען נייע הערצער אין דער ברוסט?
און בית־ישראל מעג זיי שוין געטרויען —
צו ייִדיש בלוט נישטאָ ביי זיי קיין לוסט?

איך וועל אַריינגיין צו די קליינע קינדער — —
זיי שענקען אים אַפילו נישט קיין בליק...
צעמישט, ער זוכט זיין בעכער, ווי אַ בלינדער —
נישטאָ! נישטאָ!... ער לויפט אַרויס צוריק;

אין דרויסן, פון באַליידיקונג צעבראָכן,
ער מאַכט אַ טעות אין דער ריכטונג... — שטיי!
יאַהוד פאַרשאָלטענער, ווו־הין פאַרקראָכן?! —
אים זידלען גרענעץ־וועכטער, — שנעלער! גיי! —

ער גייט... ער וויל גאָר נישט אַנטרינען:
ער גאַרט: דעם גוי דערפילן אויף זיין הויט — —
אַ גרויע תפיסה... שוין איז ער דערינען...
מע פייניקט אים, מע פייניקט ביז צום טויט...

ווי דאָ דערשפּירט ער אין זיין גסיסה: עמעץ
זעט־צו זיין פּיין און פייניקט זיך פאַרשמאַכט, —

אַ צאַברע־מיידעלע, וואָס איז די גרענעץ
אַריבער, טענצלדיק צעשטיפּט־פּאַרטראַכט...

סע ווינט אויף אים: ס'וועט באַלד דער סבא שטאַרבן.
סע ווייסט נישט — ס'דאַרף באַוויינען זיך אַליין:
בלוט־שיכּורע, זיי וועלן עס פּאַרדאַרבן...
דער נביא ציטערט־מיט מיט איר געוויין

און ווערט... אַן „אינו־נראה". ווילד און מלא,
די פּייניקער — אַ וואָרף זיך צו דעם קינד...
ער טוט אַ כאַפּ עס אין זיין טלית־פּאָלע
און דורך די קראַטעס — ווי אַ שטורעמווינט — — —

גבעתיים, אַפּריל, 1965

כרמיאל

ס'האָט שעפּעריש באַהאַפטן דער געדאַנק זיך מיט דער מי: —
מיט ליד האָט זי פאַרשוואַנגערט: „כ'וועל אַ שטעטעלע געבוירן!"
חדשים זיך געמיט אין פיבעריקן גלי,
ס'איז איר קיין רגע נישט געגאַן אומזיסט פאַרלוירן.

און — מזל־טוב! מיט מזל איז געקומען אויף דער ערד
דאָס קינד, דאָס שטעטל, צו דער פרייד פון פעלדער, דערפער, מענטשן.
כרמיאל! וואַקס און ווער געשטאַרקט און ווער פאַרמערט,
סע זאָלן דיינע איינוווינער מיט דאַנק דיך בענטשן.

פאַרוויגן זאָלן אין דיין שאָטן יונגע מאַמעס קינדער,
מיט שמייכל אויף די ליפּן, און די אויגן — בעכערס ליכט,
דאָס ליכט, וואָס ס'צערטלט מיט די פינגער עס אַ בלינדער,
וואָס שטראַלט אַריין מיט ברכה אין פּאָעטס געדיכט.

די קינדער זאָלן שלאָפן זיס, אין טרוימענוועבס פאַרשפּונען,
און שמייכלען צו דער מאַמעס האָניקמילך און ווייסע ציין,
און באָדן זיך אין שיין, פון שטערן אָפּגערונען,
ווי יעקבס קאָפּ אין בית־אל אויפן ווייכן שטיין...

גבעתיים, אַפּריל 1965

אַ יאָריקער געבוירנטאָג

אין לוח מישט זיך איבער נאָך אַ בלעטל,
און: „מזל־טוב!" — דערהער איך קלינגען קלאָר, —
סע יערט זיך היינט דיין שיין־באַזונגען שטעטל —
כרמיאל איז געוואָרן אַלט אַ יאָר.

„סע רעדט שוין, גייט און לויפט פאַרהאַוועט,
ווי אַ דערוואַקסענער, דאָס וווּנדערקינד,
צו זיין געבוירנטאָג אַ שמחה פּראַוועט
און פרייט זיך תמימותדיק און ריין פון זינד".

מיין באָבע פּינע וואָלט דאָ, ווי אַ סגולה
אַקעגן אַ בייזאויג, געטאָן אַ שפּיי
דריי מאָל: „ס'גייט אויף די זון פון דער גאולה,
די לאַנגע גלות־נאַכט איז שוין פאַרביי!"

אוי, באָבע מיינע אין גן־עדן אויבן,
דיין אייניקל, וואָס האָט דערלעבט דעם נס,
וואָלט קיין כרמיאל דיך דורך פּאָסט פון טויבן
פאַרבעטן, נאָר.... ער האָט נישט דיין אַדרעס.

גבעתיים, אָקטאָבער, 1965

מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל

גערייליקט דעם אָנדענק פון אלי כהן ז"ל

דאָס פאָלק האָט דיך געשיקט צו אויסשפּיָען דאָס לאַנד
פון שונא, — האָסטו אָנגעטאָן די מאַסקע שאַנד
פון אַ שפּיאָן, און ביסט געגאַנגען דער געפאַר
אַנטקעגן, און דערשטיקט אין זיך דעם צער,
וואָס זי פאַרשאַפט טאָג־אויס, טאָג־איין, נאַכט־אויס, נאַכט־איין.
אוי־ווי די מאַסקע פונעם שונא — שאַנד און פּיין!...
נאָר האָסט געוווּסט: באַוווּליקט איז דער קרבן פונעם לאַנד,
געהייליקט ווערט די מאַסקע דורך דיין פּיין און שאַנד,
און ביסט, אַ ווילנסקרעפטיקער און פעסטער מאַן,
דעם פאָלקס באַפעל געהאָרכיק, ווי אַ קינד, געגאַן.

ביז וואַנען ס׳טוט דער פיינט אַ ריס די מאַסקע: „ייִד!“.
דערזעסט זיך זעלבסט: אין קייטן שמשונען געשמידט...
וועט שמשון זיך דערשרעקן פאַר די פלשתים? — ניין!
און נישט געבראָכן וועט ער צו דער תליה גיין! —
האָסט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, טרייער ייִד,
און אויף דער תליה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליד...
און ווי געקאָנט האָסט רויִק צו דער תליה גיין,
אַזוי וועט רויִק ליגן דיין צעשטראַלט געביין
אין פרעמדער ערד... מיט לעכצנדיקן וויִגעפיל:
אוי, מאַמע־מאַמע, פונעם פרעמדן קבר כ׳וויל
אַהיים... אַהיים, צו ערד צו היימישער כ׳גיי אויס,
צו ליגן, ווי אַ קינד, אין איר פאַרבענקטער שויס...

*

סע וועט צום עשאַפאָט דיין רויִק־שטאָלצער גאַנג
אַריין אינעם זכרון פונעם פאָלק — געזאַנג...
אין זיין געשיכטע וועט דיין יונג און שטאַרק געשטאַלט
געצייכנט שטיין מיט בלוט־און־פייער, העל צעשטראַלט,
ווייל ווער סע שטעלט זיין גוף־און־לעבן אין פאָלקס רשות,
פאַראייביקט זיך אין איר — ס׳איז זיין פאַרדינטער זכות;
נאָך יאָרן טויזנטער האָסט אויסגעקויפט אַצינד
פון די מרגלים קעגן מידבר־פאָלק די זינד —
און אין ישראלס זונגעבלענד און שטראַלנגלאַנץ
וועט יונג און אַלט באַשויען דיין מאַרטירער־קראַנץ.
סע וועט אין ווייטסטן דור אַ יונגער שפּראָץ פון דיר,
בעת אַ פאָלקסגעפאַר, דערשפּירן דיין באַריר
און אויפנעמען אין בלוט דיין שטרענגן הויכבאַפעל:
„אין דינסט פון פאָלק — אין קאָן דאָס גאַרע לעבן שטעל!“
און גיין אויף דיין באַפעל, ווי יצחק איז געגאַן
צו דער עקידה, מיט אַ פעסטן שפּאַן...

*

באַווייליק, אלי כהן, אָט דאָס ל י ד ג ע ל ו י ב,
וואָס איך, דיין קנעכט — אַ לוי — לייג דאָ פאַר דיין שטויב.

— — — — — — — — — — — —

...אַ מדבר. ס׳ברענט ביים האָריזאָנט אַ סנה,
באַלייכט די זאַמדן. פּלוצעם איך דערזע·

GOLDEN AGE ASSOCIATION
5700 ... AVE.
MONTREAL, P.Q. H3W 3E8

אַ תליה! ס׳הענגט אויף איר אַ שטאָלצער מאַן.
כ׳טו אויס די שיך און טו צו אים אַ שפּאַן.
ס׳רעדט אלי כהן: „כ׳האָב דיך גלייך דערקענט —
דו ביסט אַ לוי״ — און ער שטרעקט די הענט,
געלייטערטע, געהייליקטע דורך פּיין;
סע לייכט פון זיי אַ תכלתדיקע שיין;
די פינגער — סאַראַ זכיה זיי צו זען! —
ווי שטראַלן, שטראַלן פון די „דיברות״ צען, —
„גיס וואַסער לויטערע אויף מיינע הענט,
וואָס ס׳האָט דער פיינט געבראָטן און געברענט,
און בענטשן כ׳וועל ישראלן מיט זיי״.
איך ענטפער מיט אַ זיפץ אים: „אוי־און־וויי!
אין מדבר איז קיין וואַסער דאָך נישטאָ.
נאַר... טרערן, הייליקער, פאַרמאָג איך יאָ;
אויב גיסטו, כהן, מיר רשות דערויף,
שטרעק נעענטער די הענט, און כ׳גיס דיר אויף״.
ער טוט עס, און סע רייסט זיך אויף אַ קוואַל
ביי מיר אין האַרץ און פלייצט — אַ טרערנפאַל
אויף זיין געלייטערט לייב וואָס שימערט־שטראַלט,
און כ׳הער: זיין בענטשנדיקע שטימע שאַלט
און טראָגט זיך אינעם רוים אַרויף, אַרויף,
און, צווישן פאָלק געבענטשט... איך כאַפּ זיך אויף.

גבעתיים, מאַי־אָקטאָבער, 1965

מ ש י ח

מיין אויסגעפייניקט פאָלק שוין יאָרן־נישט־צו־ציילן,
מיין פאָלק צעזייט־צעוואָרפנס איבער פרעמדע היימען,
נישט ריכטיק איז דער נוסח פון דער פיין־לעגענדע,
אַז ביי די טויערן פון רוים, געשמידט אין קייטן,
משיח זיצט און וואַרט אויף ד י י ן און ז י י ן גאולה
און קוקט זי אויס מיט לעכצנדיקע האַרץ־און־אויגן; —

נישט דאָרט, מיין פאָלק — ביי דיר אין האַרצן זיצט משיח.
פאַרזשאַווערט זענען שוין די קייטן אין דערוואַרטונג,
דו זאָלסט צו אַלעם ערשטן זיך אַליין באַפרייען

פון אָט דער פאַלש־נביאישער פאַרשלעפּערונג־לעגענדע,
וואָס איז דער וויטיקלעכסטער רינג אין זיינע קייטן...

נישט עמעצער, געשיקט פון הימל, דאַרף זיי ברעכן.
נייך, דו אַליין, אין האַרץ און מוח, דיינע קייטן,
אין גאַרן נאָך באַפרייונג, מיט אַ שמשון־גבורה
צערייסן זאָלסט און זאָגן: „קום, משיח, אַ באַפרייטער,
צוזאַמען מיט דיין פאָלק אין לאַנד פון זון און פרייהייט!"

און ווו דער גלות שטרעבט — דיך אומברענגען בנשיקה
און לאַקט מיט ברוסטן פולע גאָלד און מילך מיט האָניק,
מיט עולם־הזהדיקן פעטן סיר־הבשר, —
דערמאָן זיך אין דער צייט דער גאָלדענער אין שפּאַניע...
דערמאָן זיך ל ב נ ס קוש אין פאָטער י ע ק ב ס שטערן,
הייב אויף דיין האַנט און פּאַטש אים אין זיין טרייפן פּרצוף —
ער זאָל די ציין די אויסבאַהאַלטענע פאַרלירן,
און רייס אַראָפּ פון אים די שעפּסנפעל די פרומע,
מ'ע זאָל דערזען די לאַפּעס מיט די רויבער־נעגל...

און מיט משיחן, מיט אויגן לויטער־קלאָרע,
ביינאַנד נעמט אָן די זיילן זיינע און צעטרייסלט.
און נישט קיין „תמות נפשי עם..." ווי שמשון, זאָגן,
נאָר: „זאָלן פּגרן די פּלישתּים! איך וועל לעבן!"

שלום מיט רשעים

אויב גיט איר זיך נישט אָפּ קיין חשבון וועגן אייער האַנדלונג
צו שליסן שלום מיטן מערדערפאָלק פון אונדזער אומה,
און טוט עס מיט אַ לייכטן האַרץ, אָן וויסן פון געוויסן, —
אָ, דעמלט זיצט איר ביי דעם קיילעכדיקן טיש: פאַרברעכער
מיט נישט קיין קלענערע פון זיך — אַ באַנדע מיטפאַרברעכער;
און ס'פלאַטערט איבער אייך אַ חופּה, ווי אַ שוואַרצער חרם,
פאַר נישט געדענקען דעם געצאַפּל פון צעפליקטע קינדער
און גרוילן נאָך און נאָך, ווי שוואַרצע שפינען אויף אַ הימל,
וואָס נישט קיין גאָט פון ליבשאַפט, נאָר אַ טייוול האָט באַשאַפן.

און קומען וועט אַ שוואַרצער טאָג, ווען איר וועט דאָס דערפילן
און בייסן זיך די פינגער פאַרן אונטערשרייבן שלום;
„נישטאָ קיין שלום פאַר רשעים" — האָט געזאָגט דער נביא,
און אויך נישטאָ פאַר יענע, וועלכע שליסן מיט זיי שלום;
און ווען איר וועט שוין ליגן פּגרים אין די קברים,
די ערד וועט אונטער אייך זיך טרייסלען, אייך אַרויסצוטרייסלען,
ווי זי געצאַפּלט האָט זיך אונטער יידן, וואָס דער תּלין
האָט זי באַצוואונגען — לעבעדיקערהייט אין שויס צו האַלטן — —

נאָר אויב פאַרקערט — סע וואַכט אין אייך און בלוטיקט דאָס געוויסן,
כּילמירט פאַר אייער בליק די שוואַרץ־און־רויטע גרוילנבילדער,
נאָר זאָגט אייך: „טרייע זין פון פאָלק, דאָס פאָלק פאַרלאַנגט אַ קרבן —
צו ווייקן די נשמה אין דער טומאה פון די מערדער
און לאָזן ווערן זי צו אַש אין פלאַמען פון עקידה,
און כאָטש סע ווײנט דאָס האַרץ אין צאַפּלעניש פון ווייען,
זאָל נישט קיין ציטער טאָן די האַנט ביים אונטערשרייבן „שלום"...
ווייל ס'איז אַ מוז, כּדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק און שטאַרקן
די כּוחות זיינע, אויסצודויערן אין רינג פון שונאים,
וואָס לויערן אויף דעם, ווי וועלף אין הונגערנעכט אום ווינטער...
(זייט מוחל, וועלף, פאַר דער באַליידיקונג — פאַר דעם פאַרגלייכן)", —
אויב ס'איז אַזוי, — איר זענט השם־מקדש מיט אַ קרבן
נישט נאָר פון בלוט און מאַרך, נאָר — די נשמה־טויב די ווייסע
און נישט איר זענט, חלילה, די פאַרברעכערס מיטפאַרברעכער,
נאָר פאָלקס־צדיקים, אויב מיט הויכע גאַרנס נישט נאָך העכער...

גבעתיים. מאַי, 1965

געזאַנג אין מודיעין

געהייליקט די העלדן־לאַמעדוואָווניקעס, וואָס
זענען מחיה־מתים די ישראל־ערד.

אבן מקיר תזעק (חבקוק, ב, יא) — אַ שטיין
פון דער וואַנט וועט שרייען.

ווי שטיינער שרייען האָט אַ מאָל געהערט אַ נביא;
אַז געטלעך האַרץ איז אויך פאַראַן אין שטיין,
געשפּירט האָט יעדער ייִד ביים כּותל־המערבי,
אים ווייקנדיק מיט טרערן דורך געוויין.

און איך צו הערן האָב געהאַט די זיסע זכיה,
ווי פעלדזן זינגען העל אין מודיעין,
וואָס ווערט געוועקט פון טיפן שלאָף צו תחיה
און מיניעט זיך אַריין פון גרוי אין גרין. — —

די ערד האָט אונטער פעלדזגעשטיין געשטיקט זיך,
אַריינגעווײנט אין אים איר מוטערפּיין:
„איך גאַר צו זונליכט; וואָלט מיט טוי געקוויקט זיך,
פאַרשיכורט זיך מיט פלייץ פון רעגנווײַן;

„איך וואָלט פאַרשוואַנגערט אינעם סודות־ליכט פון שטערן;
נאָך גרעזעלעך אַליין מער איך גאַר פאַרשמאַכט,
וואָס מער די ברוסטן מיינע איינגעשרומפּן ווערן,
און ס׳טריקנט אויס מיין קוואַל אין מוטערטראַכט;

„איך קאָן אָן טרערן־פייכטקייט שטומערהייט נאָר קלאָגן
און מיט קיין גרידקע זיך נישט טאָן קיין ריר;
ווי טויטלעך־שווער ס׳איז, פעלדזגעשטיין, דיין לאַסט צו טראָגן
און האַלב־פאַרחלשט ליגן אונטער איר...״ — —

די פעלדזן, איינגעזאַפּט די פּיינען, וואָלטן גערן
אַוועק פון דאַנען — זי און זיך באַפרייט,
צי גאָר — זיך אויפגעריסן, אויף צעקרישלט ווערן! —
איז פון באַגערן ביז פאַרוואָרן — ווייט...

„ס׳איז אונדזער קראַפט אין זיך אַליין פאַרשמידט־פאַרשלאָסן,
אָן הילף אַרויס פון צירקל נישט אין שטאַנד;
ווען ס׳וואָלט אַ שטורעם פונעם הימל אונדז צעשאָסן,
מיט פרייד מיר וואָלטן טאַנצן אין זיין בראַנד...״ — —

ביז ס׳האָט אַ גואל, מיט אַ האַרץ און מיט געוויסן,
באַוויזן זיך און מיט געשטאַלטער מאַכט
ס׳גרוי־אָבלדיקע פעלדזגעשטיין אַרויסגעריסן, —
ס׳האָט ערד מיט הימל זיך צונויפגעלאַכט. — —

ביי גרינע פעלדער אָנגעהויפנט שטיינער ליגן
אין העלער שיין... זיי שטומען, דאַכט זיך, וואָר?

נאָר איינגעהאָרכט זיך, כ׳האָב דערהערט אַ זיסן ניגון —
די פעלדזנשטיינער זינגען עס אין כאָר:

„אַ לויב איך, ערד־באַפרייער! הערט: די חשמונאים
מיט העלדנשאַל פון קבר מעלדן־אָן:
„מיר לעבן ווײַטער, — זייט עס וויסן, שונאים־פּראים! —
אין שטאָלצן פלאַטערן פון צה״לס פאָן — —

גבעתיים, יוני, 1965

באַלאַדע וועגן דעם „פאָלקסוואַגען" אין ישראל

א.

אויף אַלץ האָט ער מוחל געווען זיין ווייב,
געדולדיק געליטן די ווילדע קאַפּריזן,
וואָס האָבן געזשאַוועט מיט סם אין זיין לייב,
פאַרשטאָכן אין האַרצן, ווי שפּיצלעך פון שפּיזן.

דעם „פאָלקסוואַגען" קאָן ער איר מוחל נישט זיין,
וואָס זי האָט מיט רשעות געצוווּנגען אים קויפן, —
ער האָט זיך געצאַפּלט אין שאַנד און אין פּיין,
געקויפט אים — געבויגן דעם קאָפּ זיך צו טויפן...

...מקדש־השם זיין?... זיך שיידן?... אַ גט?...
(דאָס האָרסט־ליד האָט בלוטיק אין זין זיך צעזונגען), —
און ס׳קינד אונדזערס?... איצט עס צו טאָן איז שוין שפּעט...
איך האָב זיך... געשמדט אָן אַן אויסוועג, געצוווּנגען.

דער „וואַגען" געבויט איז באַרעכנט־באַקוועם:
באַהעפטסטו די זיצפלעצער — האָסט אַ געלעגער!
נאָר ער פילט זיך תמיד אין אים, ווי אין קלעם:
און בלויז אין אים זיצן, נישט ליגן — דאָס מעג ער?

דאָס ווײַב זיצט צעקוואָלן פון פרייד, פּוישט זיך אָן:
— סאַ רחבות!... סאַ ווייכקייט און נחת צו זיצן!
ווען כ׳קאָן אַליין פירן... איך וועל עס נאָך טאָן! —
און אים שטעכט די ווייכקייט מיט נאָדלענע שפּיצן.

אין טעג, פון חמסינען דערשטיקטע, ער פילט:
דער „וואַגען" פילט אָן זיך מיט גאַזן־וואַמפּירן;
דער גאַז זאַפּט זיך איין אינעם לייב און פאַרהילט
מיט טשאַדיקן נעפּל די לויזע געהירן...

צי פירט עס איצט ע ר די מאַשין?... טאַקע ע ר,
בעת אינעם שיידל הערשט תוהו־ובוהו?
איז ווער היט אים איין פון אַן אומגליקפאַל? ווער?
אַט באַלד! אַט־אָ שוין וועט געשעען אַ שואה... — —

ב.

אום שבת, גאַר פרי, טוט דאָס ווייב אים אַ וועק:
— מע פאָרט צו דער פליאַזשע! שוין צייט זאָלסט זיך רירן!
דער „וואַגען" איז אומריין, פאַרשטויבט, אַז אַ שרעק!
דו מוזט אים אַרומוואַשן, פוצן, פּאַלירן,

און איך וועל דערווײַל נאָך אַ שלאָף טאָן אַ קאַפּ. —
פאַרשלאָפן, ער טוט איר באַפעל אַ צעקייע
און אים צו דערפילן זיך איילִיק אַ כאַפּ:
אין אָרדנונג צו ברענגען די „דייטשישע חיה"...

ער באַרשט זי, און וואַשט זי, אוןווישט זי, פּאַלירט,
און וואָרטשעט פאַרביטערט, און קאָכט זיך, — אויף וועמען?...
„זי צווינגט, מיט אַ דייטשקע צו טרייבן אַ פלירט...
נאָך גוט, וואָס זי האָט נישט קיין האָר צו פאַרקעמען..."

ער קוקט איר אַריין אין די אויגן פון גלאָז —
טעווטאָנישע אויגן, פּאַראַייזטע, אָן זינען.
„ביים ווייב און ביי אי ר כ׳בין אַ פּחדן אַ האָז,
מיט צאַפּל אין האַרצן צו לויפן, אַנטרינען.

„אַט שטיי איך — אַ ייִד — פאַר דער וועלט זיך אַנטבלויזט;
פאַר שאַנד איז מיין רוקן אין דרייען געבויגן..."
זיין דלאָניע פאַרקוועטשט זיך אין קראַמף אין אַ פויסט:
„נעם שלאָג מיט מיר אויס ביי דער חיה די אויגן!

„און, ווי מיט אַ שטיין, שלאָג אין האַרץ זיך על־חטא
פאַר שענדן דאָס אַש פון דיין שוועסטערל פרומע!

דאָס ווײַב שלעפּ אַרויס, ווי אַ טעפּעך, פון בעט —
שטויב־אויס פון איר נפש די דייטשישע טומאה..."

נאָר דאָ האָט דערשפּירט ער: דער בליק פון זיין ווייב
אים שטעכט דורך די דייטשישע גלעזערנע אויגן, —
זיין בלוט האָט, ווי שרויט, זיך צעשאָטן אין לייב,
די פויסט האָט זיך הילפלאָז פאַנאַנדערגעבויגן...

ג.

ס'איז גאָרנישט געשען... נאָר אין אים האָט די שנאה
זיך טיפער געוואָרצלט צעוואַקסן זיך ברייט;
אין אָנהייב — אַ פרישע, אַ גאַליקע־גרינע,
און שפּעטער — אַ געלע, פאַרצאָרנטערהייט.

און אָט איז ער איין מאָל, אַ טאָג אין דער וואָכן,
געפאָרן אַליין — מיט זיין שנאה און פּיין;
דער זיצפּלאַץ, ווי תמיד, זיין לייב האָט געשטאָכן,
דער רודער — געדרייט זיך אין שאַרבן אַריין...

סע שטיקט אַ חמסין מיט זיין וויסטעניש־וויכער.
און שיט אין דער לופט ווי אַ געלבלעכן אַש,
און פאָכעט אַריין, ווי מיט פלאַמיקע טיכער —
פון פאָרוואָרג דאָס ווילדע געיעג מיטן רעש.

די „חיה" — ער מוז מיטן ווילן זי צוימען:
זי טראָגט זיך מיט גרימונג און דראָט מיט געפאַר...
ווו שווינדלט אַ קאָפּ?... אין זיין בליק?... אין די רוימען?...
מיט אויגן — צוויי סאַזשלקעס יידישער צער...

דער קאָפּ, ס'איז דאָך — ווייַ אים! — דער שוועסטערס, זיין פרומעס...
סע איז פון איר זריעה קיין שפּור נישט פאַראַן...
איר בליק בריט זיין האַרץ מיט אַ פּינקל תרעומות:
„נהג" * אומפאַרשעמטער פון „וואַגען"־געשפּאַן!"

---

* שאָפער.

און פּלוצעם... ס'האָט ווי זיך אַ „קאַריק" געשאַפן:
בלייבסט שטיין דאָ קאַלאַם! נישט פאַרויס, נישט צוריק!
סירענעס־סיגנאַלן... געשרייען... געלאַפּן — —
און אים בריט דער שוועסטערס צעפינקלטער בליק.

אַ פונק — אַ באַפעל, אין אַ פלעמל צעצינדט זיך:
„פאַרקערווע אַהערצו! אַרויס פון פאַרשטעק!...
דאָ נאָענט דער „יער־הקדושים" געפינט זיך —
אַהינצו שטייט אָפּן דער זייטיקער וועג..."
— — — — — — — — —

ד.

ער האָט אין אַ ווינקל דעם „וואָגען" פאַרהאַלטן
און באַלד זיך אין שאָטן פוןביימער באַהאַלטן;
ס'איז תיכף אַרויס פונעם שיידל דער רויש אים;
ס'נעמט דורך אים די שטילקייט פון „יער־הקדושים"...
אין שאָטן ליגט אויך דער חמסין, נאָר אַ שטילער,
ווי אָפּקילן זיך פון זיין קאַלכאויוון וויל ער,
אָן פייער, אָן פאָך פון צעווינטיקטע פלאַמען;
זיי ליגן פאַרשוויגן, באַהאָפטן צוזאַמען...
סע שטומען די פעלדזן אַרום מיט עקשנות
און האַלטן די ביימלעך אין קלעם, אָן רחמנות:
„נישט לאָזן די וואָרצלען אַריינדרינגען טיפער!
נישטאָ דאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין גרינוואַרג און שטיפער!..."
פאַרביסן סע שטאַרצן די ביימלעך און גראָזן:
„אַלץ טיפער מיר לאָזן די וואָרצלען, מיר לאָזן..." — —
דעם שטומען געראַנגל מיט ערפאָרכט פאַרנעמט ער.
„...אַלץ קעמפט פאַר זיין לעבן, — ער טראַכט אַ פאַרשעמטער —
אַפילו אויך דאָ, אינעם וואַלד, וואָס איז הייליק...
און איך, מיט מיין דאָ זיין, אין קאַמף זיך באַטייליק..." — —
ס'האַלדזט פעסטער אַרום דער חמסין אים און שטיקט אים,
אַ שלאָף אים באַפאַלט, ווי אַ פעלדז, און באַזיגט אים.
— — — — — — — — —

ה.

...צו דער „מערה"־וואַנט אַ צוגעשפּאַרטער,
ער שטייט אין חושך, און אויף עפּעס וואַרט ער.

סע שווינדלען שורות אַשענע געשטאַלטן;
זיין בליק איז נישט אין שטאַנד, זיי צו פאַרהאַלטן
און אויפכאַפּן אַן אַנבליק — צו דערקענען...
נאָר סיי ווי סיי... ער ווייסט נישט, ווער זיי זענען? —
די יידן, וואָס דער „וואַגען" האָט פאַרטיליקט,
און ער — זיין חוב צו זיי האָט נישט געסילוקט...
אוי! טאָמער וועלן זיי פון אים אַ מאָן טאָן?
און ער — ווי אָדם, שטייט ער — אַנעם אַנטאָן...
אוי־ווי! זיין שאַנד וועט, ווי אַ שריפה, גרויס זיין...
און אים אויף אַש פאַרברענען — ער וועט אויס זיין...
און פון אַ שורה טיילט אַרויס זיך איינע,
שלייכט צו צו אים... אַ יונגע, צי אַ זקנה?
זי האַלדזט אַרום אים, צאַרטער אַלץ און פעסטער
און — שויך, ער פילט: ס'איז זי! און שעפּטשעט: — שוועסטער...
„ביסט, ברודער־לעב, געגאַן אויף וועגן קרומע..."
— איז ווי זשע קאָן איך עס פאַרריכטן, פרומע?
„זאָלסט טאָן, וואָס איך טו ערשט..." זי צינדט אַ ליכט אָן...
— כ'פאַרשטיי שויך, שוועסטער... כ'וועל מיין פליכט טאָן...
„אַ וודאי, ברודער, אַז מע וויל נאָר, קען מען..." —
די שיין פון ליכטל רייסט אים אויף די ברעמען — —
ס'איז נאַכט און קיל. דער הימל ציטערט. שטערן
זיך צאַפּלען אויפן „יער־הקדושים" — טרערן...
איז נישט אַראָפּגעפאַלן נאָך קיין איינע,
אַזאַ־אָ שטראַלנדיקע־לויטער־ריינע?
ער קוקט אַראָפּ, דער קאָפּ צו דרערד געבויגן,
און ס'פאַלט אויף זיין געזיכט דער „חיה"ס אויגן —
זי שטייט געשפּאַנט, אויף אים זיך ווילד צו וואַרפן...
ער קוקט זי אָן באַדאַכט מיט בליק שאַרפשאַרפן:
אָט־אָ באַפאַלט זי אים און נעמט פאַרצוקן...
נאָר ער, ער הערט נישט אויף אויף איר צו קוקן
און זוכט אין זין, זיך עפּעס צו דערמאַנען,
און מיט אַ מאָל — אַ לאָז צו איר זיך שפּאַנען,
וואָס נענטער, אַלץ אַנטשלאָסענער און פעסטער,
און מורמלט שטיל: — אַ פלעמל צינדן, שוועסטער... —
און אויפן קול: — איך וועל דיך, חיה, צאַמען! — —
— — — — — — — — — — — — —
דער „פאָלקסוואַגען" גייט־אויף אין וואַלד אין פלאַמען.

גבעתיים, יוני, 1965

ביימער אין ישראל

א. ביי אַ ציפּרעסבוים

אַנטלאָפן פון דער וועלט,
איך גיי אַליין אין פעלד;
בלויז ערד, און איך, און הימל...

אַ ציפּרעסבוים, פאַרגליווערט, ווי אין דרימל,
צום שטאַם פאַרהוילענעם די צווייגן צוגעבויגן,
אין גאָרער שלאַנקייט צו דער הייך אַרויפגעצויגן,
ביים באָדן דיק,
וואָס העכער, דינער אַלץ און דינער —
אַ שפּיז אַ טונקלגרינער, —
מיר שאָטנט פאַר די אויגן.
און צו זיין שפּיץ איך צי אַרויף מיין בליק:

אַריינגעשטאָכן אינעם רוים,
ער שאָקלט זיך קוים־קוים
און פרום, ווי חנה, איז מתפּלל קעגן הימלס בלוי...

כ׳בלייב שטיין, באַוווּנדער אים אַזוי,
באַמי זיך אין זיין תוך אַריינצודרינגען,
בין גרייט אַ ליד לכבוד אים צו זינגען.

נאָר דאָ דערהער איך אַ פאַרשטיקטע שטים
(פון מיר זי ברומט אַרויס?
צי פונעם שטאַם, פון אים?):
„אַ יעדער בוים און אַלץ וואָס בליט
אַ משל־שאָלעכץ איז דאָך בלויז,
דער נמשל־יאָדער איז דער מענטש, —
איז קער זיך צו די מענטשן אום צוריק,
אין זיי פאַרזינק דיין בליק,
און טרעפסטו אָן אַ פרומען מענטש,
צו אים זינג אויף דיין ליד;
די פרומע חנהס בענטש...“

מערץ, 1965

ב. אַן עלנטער בוים

ביים ראַנד פון אַ כביש האָט געהפקרט אַ בוים,
אַזוי ווי אויף אייביק אַליינזיין פאַרפלוכט;
אַפילו קיין פויגל האָט אים נישט באַזוכט;
די דורכפאָרער פלעגן באַמערקן אים קוים.

אויף זון און לבנה געזען האָט ער בלינד,
פאַרבעלמעט די בלעטער מיט שטויביקן פלאַסט;
אַ ווינטל האָט זעלטן באַזוכט אים אַלס גאַסט,
נאָר ס׳טרעפט: אים צעשויבערט אַ רייסיקער ווינט.

ס׳טרעפט אויך, אַז אַ רעגן וואַשט אָפּ אים פון שטויב,
ס׳אַנטפּלעקן זיך זון און לבנה זיין בליק; —
נאָר שנעל קערט דער שטויב אויף זיין גרינס זיך צוריק,
נאָך איידער ס׳גייט־אויף דאָס געזאַנג פון זיין לויב.

געהילט אינעם טלית פון שטויביקן גרוי,
דער בוים איז מתפּלל פון וואָרצל ביז שפּיץ
מיט בלעטלעך, וואָס שעפּטשען, פאַרחלשט פון היץ:
„אַנטבלויז מיך, באַשעפער, צום לויטערן בלוי;

„באַפריי מיך פון אייביק אַליינזיין — אַליין
ביים ראַנד פונעם האַרטן, געשלענגלטן כביש,
וואָס גרימט דורך מיין לייב מיט זיין רוישן־געמיש...
איך בין דאָך אַ בוים מיט אַ האַרץ נישט פון שטיין;

„אין מיטן אַ לערקייט איך שטאַרץ — אַ געוואַלט
אַ שטומער, נאָר פולער מיט זאַפטן פון צער;
באַשעפער, פון דיר צו דערהערט ווערן כ׳גאַר, —
דערלייז מיך, פאַרפלאַנץ אין אַ קהל פון וואַלד״ — —

און גאָט האָט דערהערט: מ׳האָט פאַרברייטערט דעם כביש,
דעם בוים מיט די וואָרצלען באַפרייט פון דער ערד,
פאַרפלאַנצט אין אַ וואַלדפאַס, ווי ער האָט באַגערט, —
אים נישט צו דערקענען אין ביימער־געמיש. —

נאָר אויב אויף אַ שטאַם וועט איר טרעפן אַ מאָל
געקריצט דאָס וואָרט ע ל נ ט, זייט זיכער: ס׳איז ער,

ס׳האָב איך עס געטאָן, ווען ביי מיר אין געהער
געווײנט האָט זיין עלנט, כאָטש שטום, אויף אַ קול...

— דו שקרן! — מיך זידלט אַ לץ אין געמיט —
ער ליגט דאָך צעוואַלגערט אויף הפקר: אַ מת!
„באַנעמסט נישט... ס׳איז אָבער געשען אים אַ נס:
כ׳האָב איבערגעפּלאַנצט אים אין וואַלד פון מיין ליד״.

יולי, 1965

ג. אונטער אַן עפּלבוים

תחת התפוח עוררתיך (שיר השירים, ח, ה) —
אונטערן עפּלבוים האָב איך דיך אויפגעוועקט.

ולשלמה בני תן לב שלם (ד״ה, א׳, כ״ט, י״ט) —
און שלמהן מיין זון גיב אַ גאַנץ האַרץ.

ס׳איז מיין געמיט, געפאַרבט פון שקיעה, ראָז
און אומעטגרוי; די פאַרבן זיך פאַרמישן.
איך ליג אין סאָד אויף וועלקן טעפּעך גראָז,
צוקאָפּנס — דער לבנה־סערפּ אַ קישן;

אַ מרה־שחורה־הימל דעקט מיך צו;
די הויט פון פּנים לעקט אַ צינגל קילקייט;
סע זידט אינזעקטן־ברום אין טאָפּ פון רו;
אַ ריזיק איי אַ גרוי׳ס בריט אויס די שטילקייט.

נאָר ס׳בלויט זיך בלאָס די האָפנונג אין געמיט:
סע וועט זיך אויספּיקן אַ זון באַגינען —
אַ טינטער גאָלדשיין פאַר אַ מונטער ליד,
וואָס נעמט זיך וועבן שוין ביי מיר אין זינען.

הער, הער! פון וואַנען גייט עס אויף געוויין
מיט דופט פון עפּלצוויט, וואָס רייצט דעם אָטעם?
סע בלאָנדזשעט מיין געהער און זוכט, בלייבט שטיין —
פון עפּלבוים, וואָס כ׳ליג דאָ אין זיין שאָטן:

— „אַז ווי דעם אַלטן טאַטן... ווייַ־און־ווינד —
אַ וואָרעם אין אַן עפּל איז פאַרקראָכן
און טאָטשעט, טאָטשעט ס׳הערצל פון מיין קינד;
סע פּלאַצט דעם טאַטנס האַרץ און ווערט צעבראָכן.

„און קינד בלייבט קינד. וואָס ווייסט אַ קינד? נאָר פרייד!
סע וואַקסט און יובלט, ס׳רויטלען זיך די בעקלעך;
נאָר חי־געלעבט! אָן שאלות, אָן באַשייד,
און ס׳טראָגט דעם טויט אין הערצל. אוי, ווי שרעקלעך!

„וועסט פאַלן, קינד, צום באָדן פאַר דער צייט,
מיט חוזק פון אַ ווינט אַראָפּגעשמיסן,
זיך וואַלגערן אין גראָז... און נישט קיין לייט,
נאָר פרעסער־פייגל וועלן דיך געניסן...״ — —

אַזוי האָט שטיל דער בוים געוויינט־געררוישט,
אין מיין געמיט אַ טרער אַריינגעטריפלט;
מיין האָפנונג האָט אויף צווייפל זיך פאַרטוישט
און אויף אַ שוואַרצן שטראָם געוויגט־געשיפלט:

צי וועט זיך אויספּיקן אַ זון באַגין?
ווער ווייסט? ווער קאָן פאַרזיכערן און זאָגן
אַז נישט קיין פייער־פויגל — אַ חמסין? — —
און כ׳ליג צערודערט־וואַך, ביז ס׳הייבט אָן טאָגן:

דער בוים האָט עפּל־קינדער אָן אַ שיר,
און איך — בלויז איינס. אַז וויי, ווי איך בין אָרעם!
און טאָמער... וויי־און־ווינד וועט זיין צו מיר,
אויב ס׳וועט פאַרקריכן אין זיין האַרץ אַ וואָרעם.

אויב ס׳קאָן מיין צומאַכן די אויגן — אים
די אויגן עפענען, גיי־אויף, מיין תפילה:
מיין לעבנסוועג פאַרוויקלען, גאָט, באַשטים
אויף אייביק, ווי אַ פסולע מגילה...

גבעתיים, אויגוסט, 1965

ד. אברהמס ווונדערבוים

לויט דער אגדה

כ׳באַוווּנדער דיך, אברהמס ווונדערבוים,
וואָס פלעגסט צעשפּרייטן דיינע צווייגן, קוים
באַוויזן האָט זיך אין דיין גבול אַ מאַן
וואָס איז מיט מי אין ערלעכקייט געגאַן,

און ס׳פלעגט דיין שאָטן־חופּה אויף זיין קאָפּ
מילד שאָרכען מיט די בלעטער: „רו זיך אָפּ.
באַלד קומט דיך בעטן מיט אַ פּנים שיין
מיין האַר, אַברהם, אין געצעלט אַריין.
דאָרט קילע וואַסער וואַרט פאַר דיינע פיס
און שפּייז און פּירות פאַרן גומען זיס".

און אויב דער גאַסט געווען איז אַן אַ האַרץ,
דיין גרינע שיין דו פלעגסט פאַרלעשן — שוואַרץ,
און צוציִען צו זיך די צווייַגן פעסט
אַרויף: „איך ווינטש זיך נישט אַזעלכע געסט;
מיין האַר, אַברהם, איז פאַר דיר נישטאָ —
ער האָט קיין האַרץ נישט פאַר קיין שוואַרצער קראָ;
פאַר דיר איך האָב קיין שאָטן נישט, קיין ברויז, —
פון אונדזער גבול דעם האַרציקן אַרויס!"
און ס׳לאָזט דער גאַסט פאַרבליפּט אַראָפּ דעם קאָפּ,
און דרייט זיך אויס אין שרעק, און טראָגט זיך אָפּ.

איך בענק נאָך דיר, אַברהמס ווונדערבוים.
אַ דאַנק דיר פאַר דיין אויפשטיין אין מיין טרוים,
פאַר לייכטן מיט דיין שטראַלנדיקן גרין
אין מיין מיט האָפענונג צעשפּילטן זין,
פאַר אויפגרינען אַ טרייסט אויף קוילנשוואַרץ
און אַשנגרוי פון מיין פאַראָבלט האַרץ...
כ׳גיי אויס נאָך דיר. ביסט נייטיק אונדזער וואָר:
דו זאָלסט אונדז יעדן גאַסט אַנטפּלעקן קלאָר,
נישט צוצולאָזן קיין שום נאַצי־שאַנד
צו אונדזער מכניס־אורחדיקן לאַנד...

גבעתיים, אַפּריל, 1966

ה. צום זשאַקאַראַנדאַ־בוים

1.

ווי שיין דו ביסט עס, זשאַקאַראַנדאַ־בוים,
מיט דיינע דריבנע צאַרט־געשפּיצטע בלעטלעך!
דיין איטלעך צווייגל — ווי אַ גרינער טרוים,
די בלאַסלעך־לילע גלעקלעך לייכטן געטלעך;

די צינגעלעך אין זיי — אַ פּראַכט אַ וווּנדער, —
אויף זיכער קלינגען זיי, הגם איך הער נישט;
פֿאַר וואָס זיי האַלטן זיך פֿון גרינס באַזונדער,
איך ווייס נישט, וויפֿל וויסן איך באַגער נישט.

און ס'איז מיר אויכעט אומפֿאַרשטענדלעך שרעקלעך:
די פּראַכט פֿון גלעקלצינגל איז פֿאַר וועמען? —
זיי שטעקן דאָך פֿאַרבאָרגן אין די גלעקלעך,
ווי צו באַווייזן זיך פֿאַר אונדז זיך שעמען.

וועט האָבן ווער אַ האַרץ, פֿאַרשאַפֿן ווייען
אַ גלעקעלע? — כּדי דאָס שיינע צינגל
אַרויסאַנטפּלעקן, רייסן עס אויף צווייען?
אוי־ווי! געטאָן האָב איך עס ווי אַ יינגל.

איך זוך אַ פּתרון — וועל איך אים געפֿינען? —
און טראַכט זיך: עמעץ הערט די גלעקלעך קלינגען...
צי זאָלן דאָס נישט זיין די קלוגע בינען? —
„קומט, בינעלעך, די צינגלפּראַכט באַזינגען!"

דיין פּרוכט: אַ פּלאַטשיקע, די שאָלן — ברוינע,
וואָס האָבן זיך ווי ליפּן, אויפֿגעשפּאָלטן;
די יאָדערלעך — ווי פּלאַטערלעך אַזוינע,
פֿאַר די חמסינען־שריפֿות אויסבאַהאַלטן.

ווי וווּנדערלעך! די שאָלעכץ — דיקע, האַרטע,
די יאָדערלעך — דער הפֿך פֿון די שאָלן:
אַזעלכע איידעלע באַפּליגלט־צאַרטע,
אַז ווערטער זענען גראָב זיי אויסצומאָלן!

ווי שיין דו ביסט עס, זשאַקאַראַנדאַ־בוים,
מיט דיינע דריבנע צאַרט־געשפּיצטע בלעטלעך!
דיין איטלעך צווייגל — ווי אַ גרינער טרוים,
די בלאַסלעך־לילע גלעקלעך לייכטן געטלעך.

.2

ווייל שיין אַזוי און פּרעכטיק ביסטו פֿאַרן בליק,
אויף טראָטואַרן־ראַנדן טוט מען דיך פֿאַרפּלאַנצן,

נאָר מענטשן גייען דיר פאַרביי אַהין־און־צריק
און קוקן זיך נישט אום אויף דיר אין גאַנצן.

אוי־ווי! וואָס איך קוק צו אויף דיר מיט צער:
פון דעם חמסין פאַרשרומפּן, שיטן דיינע גלעקלעך
געדיכט אַראָפּ זיך, פאַלן אויפן טראָטואַר,
ווי אונטער שערל קינדערישע לעקלעך,

און בלייבן ליגן, ווי אַ טעפּעכל פאַרשפּרייט; —
סע וואָלט געקאָנט דעם בליק מיט שיינקייט זעטן,
נאָר ווי! דער עולם גלייכגילטיק דערויף זיך גייט,
און ס׳ווערט דיין בליעכצפּראַכט אויף מיסט צעטרעטן.

און וועקט אין מיין געמיט אַ רעיון באַלד:
אַזוי צעטרעטן האָט דער נאַצי קינדער...
פון האַרצן רייסט צו דיר זיך בלוטיק אַ געוואַלד,
כ׳פאַרמאַך די אויגן... בעסער זיין אַ בלינדער!

איך לאָז זיך אייליק אין אַ גאָרטן אַריין גיין,
צו זעען דיינע גלעקלעך לילען־זיך אויף גראָזן;
זיי גוסען אומצעטראָטענע און שטאַרבן שיין —
קיין ווינטל וואָגט נישט זיי אָוועקצובלאָזן...

ווי גליקלעכער פון קינדער ייִדישע איר זענט! —
ס׳האָט קיין שום גאָרטן זיי נישט אויספאַרבאָרגן,
אויך ס׳גרינע גראָז האָט אונטער זייער טראָט געברענט...
לאָזט, טרערן, נאָך... איך שטיק זיך, ווער דערוואָרגן...

גבעתיים, ערב־שבועות, מאי, 1966

ו. אין שאָטן פון עלנטן באָקסערבוים

כל העולם נזון בשביל חנינא בני וחנינא בני דיו בקב חרובים מערב־שבת לערב־שבת
(תענית, כ״ד) —
די גאַנצע וועלט ווערט דערנערט אין זכות פון מיין זון חנינא, און מיין זון חנינא באַגנוגנט זיך מיט אַ מעסטל באָקסערן פון ערב־שבת ביז ערב־שבת.

אַ באָקסערבוים. פאַרוואָרצלט פעסט זיין שטאַם.
זיין צווייגנקרוין — געדיכטער, גרינער פלאַם.

זיין באָקסער אין פאַרבאָרגעניש זיך רייפּט
און יאָדערט, גרינט זיך אויס, ווערט ברוין, פאַרשטייפּט.

דער בוים קווועלט אָן אין זיך, אין זיין געבענטש
פון פרוכטן... כאָטש סע קומט דאָך נישט קיין מענטש
אַראָפּרייסן, געניסן זי, די פרוכט
די זאַפטיקע, ווי זיין וואָלט זי פאַרפלוכט.

פון זיך אַליין דער באָקסער פאַלט אַראָפּ —
מחשבות ברוינע פון זיין גרינעם קאָפּ,
און — אויף באַראָט פון הפקר פויל און ליג!

סע זאָל זיך עס באַווייזן כאָטש אַ ציג
מיט פרומען בערדל, אויגן פון אַ געץ —
אַ ברכה מאַכן: „בורא פרי העץ״!

נאָר ס׳לעבט דער בוים מיט גאָר אַן אַנדער וואָר,
וואָס גרינט־אַריבער פרייד פון דור צו דור:

„חנינאָן, יענעם פרומען אָרעמאַן,
וואָס הייליק איז געווען זיין יעדער שפּאַן,
דער באָדן, ווו געטראָטן האָט זיין פוס,
און גאָר די וועלט געלעבט האָט אין זיין זכות, —
מיין עלטער־עלטער־זיידע האָט דערנערט
מיט זיינע באָקסערן... אַז ס׳איז באַשערט!...״

און ס׳אַרט אים נישט זיין עלנטקייט אַצינד,
ער פרייט זיך אין געמיט צעפלאַמט־צעגרינט;
ער וואָלט זיך מעגן איבערנעמען שטאָלץ,
אַפילו ווען געפוילט וואָלט אויך זיין האָלץ...

גבעתיים, אויגוסט, 1966

ז. ביימער גרים אין מיין לאַנד

די בלעטערביימער, גרים אין מיין לאַנד,
פאַרטראָגן קוים זיין אָטעמדיקן בראַנד.
און כאָטש די בלעטער גרינען אויפן קאָפּ,
פון קלאָרן זינען גייען זיי אַראָפּ —

פון היץ און בענקשאַפט צו דער אַלטער היים,
און ווײַנען שטום, אָן טרערן, אין געהיים.

ווען האַרבסט נעמט אָפּקילן די הייסע לופט,
דערשפּירן שטאָרקער זיי: די היימערד רופט,
און דאָס געבלעטער בייט זיך אין דער פאַרב,
אַיעדעס בלעטל שעפּטשעט: „כ׳גויסע... כ׳שטאַרב...“
זיי וואָלטן יורד זיין אַהיים — איז נישט באַשערט:
ס׳האַלט פעסט זיי ביי די וואָרצלהאָר די ערד...

נאָר שטיל גייט אויף אַ פרייד אין זייער קרוין,
וואָס איז שוין מער נישט גרין נאָר געל־און־ברוין
און שיט זיך בלעטערווייז אַראָפּ אויף דרערד,
ווי דאָרטן, אין דער היים, ווו זיין איז נישט באַשערט,
און יעדעס צווייגל פרייט זיך אין געהיים:
מ׳איז נאַקעט, ווי דער מנהג איז אין דרהיים...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1966

אַ גרויער פרימאָרגן

דער טאָג איז ברוגז אויפגעשטאַנען
און וויל נישט קוקן אויף דער וועלט,
דער זונס פרימאָרגנדיקע שפּאַנען
ער׳ האָט מיט וואָלקנטוך פאַרשטעלט.

שווייגט שטיל די וועלט אין טיפער רעגונג,
האַלב בלינד, און איז דורכויס געהאָרך; —
אַ בוים מתפּלל׳ט אָן באַוועגונג
און אָן אַ מינדסטן בלעטלשאָרך...

גבעתיים, אויגוסט, 1965

ר ע ג נ ס

סע ווײַנט, פאַרשוואַרצט פון פינצטערניש, די נאַכט
מיט שטראָמלעך טרערן: „קום שוין, העלער טאָג...“
דער פויער פרייט זיך אין זיין בעט און לאַכט,
פאַרנעמענדיק איר אומבאַזינטע קלאָג:

„ווען ס׳קומט דער טאָג מיט ליכט און זון צו גיין,
ביסטו דאָך, נאַכט, נישטאָ שוין אויף דער וועלט...
מיין דאַנק דיר פאַר דיין טרערנדיק געוויין! —
די בענטשונג פאַר מיין לעכצנדיקן פעלד.

„זאָל מאָרגן וויינען אויך דער טאָג, ווי דו,
אין בענקשאַפט נאָך דיין שטערנדיקער שיין, —
זיין גאַס וועט אָנפילן מיין האַרץ מיט רו,
מיין פעלד דערקוויקן ווי מיט זיסן וויין.

„זאָל דאָס אייך זיין אַ זאַלב פון טרייסט, וואָס נישט
אומזיסט פאַרגיסט איר טרערן: אייער צער
מיט פרייד פון מענטשן, פעלדער איז געמישט,
און זיי באַדאַנקען, בענטשן אייך דערפאַר״.

סע וויינט די נאַכט, פון פינצטערניש פאַרשוואַרצט,
און דורך געוויין פאַרנעמט דעם פויערס רייד;
זי ענטפערט אים דורך וואַסעררויש באַהאַרצט:
„פאַר וואָר, איך וויין שוין ערשט פון אייער פרייד...״

גבעתיים, אָקטאָבער, 1965

ווייל ס׳לעבט די זון

פאַראַן אַ זון, פון אונדזער בליק פאַרהוילן; —
אין זיבן כמאַרעס איינגעהילט דער רוים.
דעם הימל שפאַלטן בליץ־און־דונער־גרוילן,
און זי — זי שטראַלט פאַרבאָרגן אין אַ טרוים.

דער וועלטס געמיט — פאַריתומט און דערשלאָגן,
און איינגעשרומפן — איר פאַרחושכט האַרץ,
נאָר זי, די זון, איר העלפט די פיינען טראָגן
און וועבט איר האָפנונג אינעם ים פון שוואַרץ.

דער הימל איז אויף שפּליטערבראָך צעבראָכן, —
ווער קאָן באַהעפטן אים און מאַכן גאַנץ?!
נאָר זי, די זון — איר נאָמען איז בטחון —
ווינקט צו: ס׳גייט־אויף אין דיר דיין אויפלעבגלאַנץ!

די זון באַגלייט מיין פאָלק אויף גלות־שליאַכן; —
און זאָל זיין לעבן שוואַרצער זיין פון שוואַרץ,
סע וועט אויפס ניי צו ליכט און פרייד דערוואַכן,
ווייל ס׳לעבט די זון — משיח — אין זיין האַרץ.

גבעתיים, אָקטאָבער, 1965

קינדער אין ישראל

א. איין לאַנד — איין שטאַט

„ל. אַליצקין פון גבעתיים
אַ גרוס פון אַ באַרג אין ירושלים —
ריקודה פאַטאַש".

(ווידמונג אויף איר בוך „מולד איבער תמנע")

ס׳האָט ייִנגלוויז געזאָגט צו מיר מיין זון:
„ס׳איז אונדזער לענדעלע אַ קליינס, אַ קליינס,
נאָר ווי קליינקליין, אַזוי איז עס אַ שיינס;
פיל גרעסער, גרעסער איז דאָס פאָלק דערפון,

„און יעדער וויל דאָך זיין ביי זיך אין לאַנד, —
איז וועט מען בויען הייזער, ס׳וועלן שטעט
צעוואַקסן־זיך אַלץ ברייטער, לענגער, העט,
ביז שטאָט וועט שטאָט דערלאַנגען מיט דער האַנט,

„ביז ווערן וועט דאָס לאַנד — איין גרויסע שטאָט!"
— און הייסן וועט די שטאָט? — פרעג איך.
„ירושלים!" — פאַלט זיין ענטפער גיך
און פריידיק, ווי אַנטפּלעקט אַ טיפן סוד.

— און מיר וואָס וווינען היינט אין גבעתיים?.. —
צעשמייכלט זיך מיין בליק.
„מיר וועלן וווינען אין ירושלים!" —
ער ענדיקט מלא־גליק.

גבעתיים, אָקטאָבער, 1965

ב. מיר זאָל זיין פאַר דיר

מירין צו איר ווערן בת־מצוה

איר זאָלט עס וויסן אַלע נישט פאַרגינער
מיין ליידנשאַפטלעך שפילן אויף דער האַרפע:
די קליינע מירי מיט די אויגן שאַרפע —
זי האָט מיך ליב, ווי איך האָב ז י, נישט מינער.

זי איז אַ צאַברע — זאָגט זי דרייסט און אָפן:
„ביסט אַ משורר, שרייב פאַר מיר אַ ליד אָן".
איר טאָן האָט ווי אַ בליץ אין האַרץ געטראָפן:
פאַרפאַלן, ברודער, מוזט זיך אַ באַמי טאָן.

כ'האָב זיך געמידט. כ'זאָל מער נישט וויסן פון קיין צער
ביים שאַפן... ס'איז דאָס ליד שוין אָנגעשריבן.
האָסט, מירי, זיך צו מיר אין האַרץ פאַרקליבן, —
דיין ליבשאַפט, קליינע, איז דער שענסטער האָנאָראַר
פאַר דיין משורר, פאַר דעם גרויסן... נאַר.

אָ, מירי, מירי, מיר...
זאָל זיין פאַר דיר.

גבעתיים, אויגוסט, 1965

מיין כבוד אייך!

מיין כבוד אייך, איר קערער פון ישראלס גאַסן,
פאַרטיליקער פון העסלעכקייטן און פון בושה,
פאַרהיטער פון געפערלעך־קלעפּיקע חולאַתן,
אַראָפּווישער פון טומאה פון געזיכט פון קדושה!

מיין כבוד אייך! אייך בענטשן הייזער, טראָטואַרן
און כבישים, פאַר דער טרייער מי, מיט מיילער שטומע;
ווייל נישט קיין גאָלד פאַר זיך איר קומט דאָ שאַרן,
נאָר אויסראַמען פון לאַנד מיט ריינע הענט די טומאה.

מיין כבוד אייך! אייך בענטשן ביימער אינעם בליען,
און בלומען אינעם אויפגאַנג, פרוכטן אויף די טישן

פאַר איינהיטן — גערוכן וואָס פון מיסטקאַסטנס זיך צ׳ען
מיט זייער דופט זיך זאָלן נישט צוזאַמענמישן.

מיין כבוד אייך! די זון לייכט-צו אייך מיט די שטראַלן,
סע זאָל קיין שמוץ זיך פאַר די אויגן נישט באַהאַלטן,
די גאַסן זאָלן ווערן פעכלענדיקע זאַלן,
און איר, געקליידטע אָרעם — ליכטיקע געשטאַלטן.

מיין כבוד אייך! מיין לידס באַהעלטע שורות
פון אייער שיין — אַן אָפשיין וואַרפט מיר אויפן פּנים;
נאָך מערער: דורך מיין ליד — פון אייער ליכט אַ שפּור איז
אַריין צו מיר אין האַרץ... איך שפּיר אים און דערקאָן אים.

גבעתיים, סעפּטעמבער, 1965

אַ בחור אַ ישראל־פויער

אַ בחור אַ ישראל־פויער
קילט אָפּ זיך אין אַ ווערבע־שאָטן;
דער הימל איז אַ לויטער־בלויער,
ווי ס׳האָט אַ בייזער גאָט געבאָטן.

סע נעפּלט זיך ביים ראַנד דאָרט איידל
אַ וואָלקנפּאָרל ווייס און לייבלעך,
ווי מירמלברוסטן פון אַ מיידל, —
ווי ענלעך, ממש אומבאַשרייבלעך!

ער שמייכלט מאַט, פון היץ פאַרטראָגן:
וואָס קומט אַרויס? קיין זיסן רעגן
זיי ברענגען נישט מיט זיך צו טראָגן —
קיין רעגנמילך פאַר קינדערס וועגן.

אָט די יפה־פיות עקרות,
וואָס קאָנען בלויז דעם בליק פאַרשפּילן,
ווער דאַרף זיי האָבן? אויף כפרות!
זיי וועלן דאָך דעם דאָרשט נישט שטילן.

סע ברענט די זון, ווי טויזנט שייטערס,
מיט גאָר דער מאַכט וואָס איר איז אייגן; —

נישט ווייסע ברוסטן — שוואַרצע אייטערס
דער באָדן לעכצט, זיך אָנצוזייגן.

ווער זאָגט אַז שוואַרץ איז פאַרב פון טרויער?
אויף שוואַרצע כמאַרעס בעטן מענטשן:
פון בלוי ווער, הימל, גרוי און גרויער,
דערנאָך — פאַרשוואַרצט, מע זאָל דיך בענטשן.

גבעתיים, סעפּטעמבער, 1965

א שוטר אויף אַ פערד
(פּאָרטרעט)

פריש־גרין — די ערד,
די ווייטן — הייטער.
שטאָלץ טרעט דאָס פערד,
שטאָלץ רייט דער רייטער.
דאָס פערד זיך גרייסט
אין לוסט פאַרשייטער,
ווייל ס׳פילט און ווייסט,
אַז ס׳איז זיין רייטער

פון הויכן שטאַנד
(די פעל — אַ ציטער):
פון פרייען לאַנד
אַ טרייער היטער!
מיט פעסטער האַנט
דאָס ציימל ציט ער,
און רו אין לאַנד
דעם בירגער גיט ער.

דאָס פערד — זיין הער
וויגט לוסטיק אונטער;
און דער שוטר,
אי שטייף, אי מונטער,
קוקט שטאָלץ פאַר זיך,
אַ דורכגעזונטער,

און שמעלצט זיך: איך
בין נישט דערונטער!

טריט. טראָט. טריט. טראָט...
ס'איז גוט שפּאַצירן
אַרום דער שטאָט
און זען, און שפּירן:
ס'הערשט שטילקייט, רו,
וואָס... קאָן פאַרפירן...
ששש... הער זיך צו —
קיין שאָרך פאַרלירן!

גבעתיים. דעצעמבער, 1965

יידן - שנאה

א

שוין לאַנג ווי כ'בין פון איר אַנטלאָפן
צו מיינע פאָלקסברידער אַהיים; —
נאָר זי איז מיר דעם וועג פאַרלאָפן —
זי לויערט אויף מיין זיין געהיים

אין טונקלער פאַלדונג פון זכרון — —
אין חלום בין איך ווידער אין דער פרעמד...
זי שרפעט אויף מיין קאָפּ מיט צאָרן
און אונטער מיינע זוילן ברענט...

דורך קאַלטע פרעמדע גאַסן גיי איך —
אַ קרבן... וווּ איז דער מזבח? —
אַרום מיט צאַפּלעניש איך קוק;

קאָן זיין: ס'וועט באַלד אַ שטיין אַ יאָג טאָן,
מיט פּענד אין שיידל מיר אַ שלאָג טאָן, —
ס'וועט מיין מזבח זיין דער ברוק...

ב

און אָט־אָ פליט דער שטיין, — איך זע מיט מיין געניק אים.
אין פלי ער ווערט אַ מעסער, אויסגעשאַרפט פון ווינט,

כ׳זע הענט, ווי תאווה־פלאַמענשלאַנגען, פון מזיקים,
צום האַלדז געשטרעקטע, מיך צו קוילען, ווי אַ רינד...

אַ שטויס אין האַרצן וואַרפט מיך אויפן ברוק אַנידער,
דאָס פנים קעגן זונבלענד, און די אויגן בלינד...
אַ שניט! — ווער כאַפּט מיך אויף די הערנער? יצחקס ווידער?
כ׳בין נישט־דערשניטן... אויף זיין פעל דאָס בלוט מיינס רינט...

ער לויפט מיט מיר, אַ צוגעקלעפּטן צו זיין רוקן...
מע שיסט אונדז נאָך... איך בין מתפלל מיט אַ צוקן:
„ווער, ווידער־לעב, פון אונדזער צה״ל אַ מטוס *...״

ער ווערט... ס׳איז דער פּילאָט אַ מיידל — חנה סענעש!...
איך וויל פון פרייד אַ שריי טאָן, נאָר איך קען נישט...
ביז צו מיין מויל זיך נייגט די זון — אַ שטראַלן־כוס...

גבעתיים, 1965—66

בצורת

סע דורשט די ערד פאַרחלשט און צעלעכצט.
ווער ס׳האָט אין האַרץ אַן אויער, הערט — זי קרעכצט:

— כ׳ליג נאַקעט, פון צעהיצטן ווינט געשענדט,
די זריעה אין מיין אינגעווייד — פאַרברענט;
דער הימל איבער מיר איז העסלעך בלוי,
און ס׳ווייזט זיך נישט אויף אים קיין סימן גרוי
פון כמאַרעס, טראָגנדיקע רעגנמילך,
און ס׳הערט זיך נישט קיין דונער־עכאָהילך
פון דער עקוועלטישער געהיימער ווייט...
פאַררייסט די קעפּ צום הימל, מידע לייט,
געקניט אויף מיין געזעמד אין אַנגסט פון נויט,
און דאַוונט: „הימל בלויער, ווער פאַרגרויט.
מיר בעטן רחמים פאַר דער ערד און זיך,
פאַר אונדזער ברויט און פאַשע פאַר די פיך.
די שטומע צינגער לעקן מיט דער צונג

* עראָפּלאַן.

די לופט, וואָס זאַפּט מיט שטויב זיך איין אין לונג,
פאַררייסן צו דיין הייך אַ ווילדן בליק
און רעווען־בעטלען: „וואַסער! טוי! דערקוויק!"
די פלאַנצן, איינגעהילט אין שטויב אַ שיכט,
פאַרבעלמעט קוקן אויס אַ טראָפּן ליכט
און, אויסגעדייוועט שוין פון דורשט, אין פּיין
ביז וואָרצלשפּיצן דאַרן־קוואַרן איין;
די קוסטעס — בלינדע בעטלערס אויף די קני —
זיי בעטלען: „כאַטש אַ טראָפּן טוי גאַנץ פרי,
דאָס חיות צו דערכאַפּן"; יעדער בוים
שטייט־איין אויף זיינע וואָרצלען קוים
און פרעפּלט מיט פאַרשטויבטע ליפּן: „ווי,
סע שטאַרבט אין מיר אַ גליד נאָך גליד, כ'דערגיי".
כל־זמן סע צאַפּלט נאָך אין דרערד איר האַרץ,
פאַרנעם די תפילה — קלייד זיך אָן אין שוואַרץ
און, ווי פון קוואַלן, שלאָג פון זיך אַרויס
די מילך פון ברכה־רעגן איר אין שויס,
ס'זאָל זאַמד און שטיין נישט ווערן אויך איר האַרץ". —

די פּנימער פון לייט זיך כמאַרען שוואַרץ
אַרויף צום הימל מיט געבעט־געוויין.
נאָר ער, פון מיטלייד הויל, ער בלויט זיך ריין,
פאַרריסן־שטאָלץ און טויב צו דעם געבעט,
ווי לאַנג שוין וואָלט ער זי, די ערד, געעגט...

סע ליגט די ערד פאַרחלשט און צעלעכצט,
און לייט מיט הערצער הערן ווי זי קרעכצט.

גבעתיים, יאנואר, 1966

גיט אונדז ערד!

„כי חפץ יהוה בך וארצך תבעל" (ישעיה סב) —
וואָרום גאָט טוט דיך גלוסטן, און דיין לאַנד
וועט באַמאַנט ווערן.

אַן עדה עמך־יידן מאָנט: — אוי, גיט אונדז ע"ד!
מיר וועלן זי פאַרקנסן, זי באַמאַנען
מיט אונדזער הייסן שוויס, — און זאָל אונדז זיין באַשערט
מיט איר באַהעפט דאָס לעבן דורכצושפּאַנען.

ס׳גייט אויף אין אונדזער בלוט איר שטום געוויין
און איר עקרהדיק־פאַרשטיינערט קרעכצן:
„אַנטבלויזט מיך פון מיין העמד פון פעלדזגעשטיין,
איך ווער פאַרחלשט אין מיין דורשטיק לעכצן,

„און פון חלשות וועקט מיך אויף אויף ס׳ניי
דער צייגעקריץ פון פעלדזגעשטיין אין טרויער, —
אוי! כ׳קאָן נישט שטאַרבן, כאָטש איך בין פאַרביי,
און וואַרט אויף מיין גאולה דורכן פויער...".

אַן עדה עמך־ייִדן שרייט: — אוי, גיט אונדז ערד!
די ערד, וואָס לעכצט, מיר זאָלן זי באַמאַנען
מיט אונדזער הייסן שוויס, און הערט
אין אונדזער טראָט איר גואל־אַחרון שפּאַנען...

גבעתיים, יאנואר, 1966

א חתונה אויף דער גרענעץ פון ישראל

דעם נח״ל אין כפר עזה

ווער זיצט אויפן טראַקטאָר, אין בײַדל פון לייוונט,
די ווענטלעך באַצירטע מיט בלומען־גירליאַנדן
און פריש־גרינע צווייגלעך? ווער זיצט עס דערינען,
אין בײַדל, אין קרייז פון חברים, וואָס בליצן
מיט אויגן פון פנימער יונגע, צעפלאַמטע,
פון שמחה צעשטיפטע? ווער זיצט עס דערינען,
אין בײַדל, באַגלייט אַרום טראַקטאָר מיט יוגנט,
וואָס קייטלט־אַרום אים צעטאַנצט און צעזונגען?
און פול איז דער פלאַץ מיט צעיומטובטן עולם,
אין הויכן גערייד און צעשמייכלטן טומל,
וואָס לאָזט אים אַדורך מיט אַ וואָרע, דעם טראַקטאָר;
ער רוקט זיך פאַרויס אַזוי שווערלעך און ערנסט,
באַדאַכט, ווי געצוימט פון זיין אייגענער חשיבות, —
נו, ווען דאָס פירט ער אַזוי אויפן גראָזפלאַץ?

ער פירט צו דער חופה אַ פּאָרל פון קיבוץ —
אַ קיבוץ פון יוגנט, וואָס וואַכט ביי דער גרענעץ.
סע האָט זיך דאָס פּאָרל אין ערלעכער אַרבעט,

אין שעהען פון לערע, פאַרווײלונג באַפרײַנדעט,
דערנענטערט, און ס׳האָט זײ אַ ליבשאַפט באַהאָפטן.

אין מיטן דעם גראָזפּלאַץ, אין שײַן פון עלעקטרע,
שטעלט אויף מען די חופּה: די פאָן פון ישראל,
אַ טוך אַ ווײַסבלויע — די דעקע פון אויבן,
די דרענגלעך די פיר, פון פיר יונגען געהאַלטן —
צוויי גלאַנציקע גאָפּלען צו הײ און צוויי ביקסן;
וואָס מײנט עס צו זאָגן? „מיר לעבן דאָ ערלעך
פון כשרער פּראַצע, נאָר ווער ס׳וועט אונדז שטערן,
וועט דעם אונדזער קויל אין דער ברוסט אַרײַן טרעפן!“;

פאַר וואָס אָבער שטײט דאָ די מוטער פון חתן
אַ בלאַסע, פאַרקוקט אין איר אײגענער טיפקײט,
דער בליק אויף דער ביקס, ווי אין אימה, פאַרגליווערט?
זי מאָלט זיך איר טאַטן און מאַמען געפאַנגען...
סע פירט זײ אַ נאַצי צום מאַרקפּלאַץ דערשיסן...
זי שטאַרקט זיך — פאַרהאַלטן די טרערן וואָס שטיקן
אין קעל, ווי אַ שטריק צו דערשטיקן, דערוואַרגן — —

זי הערט: „הרי את...“ — זײער אײניקל זאָגט עס;
זי זעט זײדע־באָבע דורך נעפּל פון יאָרן:
כאָטש שאָטנהאַפט — לעבעדיק זעען זײ אויס איצט;
צום בליק אירן קלעפּט זיך דער בליק פונעם טאַטן,
צום האַרצן דערקלײבט זיך דער בליק פון דער מאַמען;
זײ קוקן זיך איבער צעשמײכלט און שמײכלען
צון איר, זײער טאָכטער... זי האָרכט ווי זײ מורמלען:
„מיר זענען געצווּנגען צו ווערן געטרײסטע...
זאָל זײַן זײ צו מזל אויף לאַנג־לאַנגע יאָרן...“.
צעשפּילט זיך אַ שמײכל פון טרײסט אויף איר פּנים
און: „מזל־טוב! מזל־טוב! עלטערן מײַנע!
דאָס אײניקל אײערס... מײַן זון... און זײַן כּלה...
איר זעט? זײ פאַרבינדן זיך איצטער אין פרײדן,
נישט בלויז זאַלבעצווײט, — מיטן קיבוץ אין גאַנצן,
אויף הײַנט און אויף תּמיד, אויף דור און אויף דורות“ — — —
— — — — — — — — — — — — — —
עד! לעבעדיק, חברה! ביז טאָג לאָמיר טאַנצן!

גבעתיים. יאַנואַר, 1966

באַלאַדע פון יאַנוש קאָרטשאַק

די גאַסן — אָן לייב און אָן לעבן; זיי שטומען,
ווי מתים, וואָס וואַרטן משיח זאָל קומען...
און אָט קומט אַרויס פון אַ געסל אַ רויטער
עסעסמאַן — אַ שפּראָץ פון אַ מיצרישן שוטר.
פאַרריסן ער שפּאַנט מיט באַצוויקעטע זוילן,
ווי זיין וואָלט ער זיין דער דערלייזער פון פּוילן...

אויף אַכטונג! סע שפּרייזט דאָ אַן אַריער אַ ריינער,
באַהעלעמט, באַוואָפנט פון טראָט ביז די ציינער;
פון שנאה זיין בלוט איז צעשטורעמט אין כוואַליעס,
און ס׳רייסט אויף די שטילקייט זיין טראָט פון שטיוואַליעס;
הייל היטלער! ער איז אין זיין פליכטדינסט אַצינדער:
פירט אָפּ צו דעם „אומשלאַגפּלאַץ״ יידישע קינדער.

זיי שלייכן אים נאָך אין באַגלייט פונעם לערער,
וואָס „פירט זיי״, ווי שעפּסעלעך שוואַכע, „צום שערער״.
זיין גאַנג — אומגעוואַקלט און מוטיק־אַנטשלאָסן,
און ס׳איז אויף זיין פּנים אַ שמייכל צעגאָסן:
סע זאָלן די קינדער זיך נאַרן און מיינען —
ס׳איז בלויז אַ שפּאַציר... זיך נישט שרעקן, נישט וויינען...
טייל קינדער דעם לערערס כוונה פאַרשטייען,
זיי וויינען אין האַרצן, נאָר שווייגנדיק גייען.

ס׳טראָגט קאָרטשאַק דאָס שוואַכסטע און טוליעט עס, דריקט עס:
צי נעמט עס נישט דרימלען...? ער וויגט עס, פאַרוויגט עס
און שעפּטשעט: „דאָרט וואַרט שוין אויף אונדז די עקידה,
און נישט אויף אַן איינציקן יצחק — אַן עדה.
צי האָט, ווי אַברהמען, גאָט עס באַפוילן:
,גיי ברענג זיי קרבנות פאַר מיר אין לאַנד פּוילן׳?״ — —

ווי פּלוצעם... דערשפּירט ער אין טראַכטעניש־ווייען:
ער גייט דאָ נישט איינער! — זיי גייען אין צווייען!...
אַ בליק, — זיך אַליין, ווי אין שפּיגל, דערזעט ער:
אַ יאַנוש, אַ צווייטער!... שטיל שעפּטשענדיק רעדט ער:
„דאָס קינד גיב מיר איבער, איך וועל עס דערטראָגן,

און דו, לאַמעדוואָוניק, דו וועסט זיך דערשלאָגן,
אַזוי ווי אַ שאָטן צום לאַנד פון די אָבות...".

"ווער ביסטו, וואָס טרייבסט מיט מיר בלוטיק קאַטאָוועס?".

"משיח. פון רוים קום איך אָן ערשט צו שוועבן,
איך זאָל דיך באַפרייען פון טויט צו דעם לעבן
פאַר יידישע קינדער אין ווייטערע דורות,
זיי זאָלן העל שיינען אין לאַנד, ווי מנורות".

"און דו? איז דיין לעבן דען ווייניקער טייער?"

"נישט זאָרג זיך. מיך נעמט נישט קיין וואַסער, קיין פייער...
גיב ס'קינד מיר! דעם יידישן גאָט נישט דערצערנן!".
גיט יאַנוש דאָס קינד אים, קושט ע ר אים אין שטערן.
און יאַנוש געזעגנט די קינדער מיט בליקן
פון מאַמעשע אויגן, די הערצלעך צו קוויקן.

משיח, אין לערערס געשטאַלט, פירט זיי ווייטער,
און יאַנושעס ליידן, די גרויליקע,ליידט ער
און שמייכלט, סע זאָלן די קינדער אַלץ מיינען —
ס'איז בלויז אַ שפּאַציר... זיך נישט שרעקן, נישט וויינען...
— — — — — — — — — — — —
און יאַנוש דערשלאָגט זיך אין אָבות־לאַנד ענדלעך.
אין שולן ער קומט מיט פאַרבלוטיקטע רענדלעך —
געשאַנק פאַר די שילער, וואָס לערנען די קינות
אויף זעקס מיליאָן יידן, ווי ס'פאָדערט דער דין עס...

יאַנואַר, 1966

שבת־קודש אין ישראל

סע ליגט דער ברוק — אַ שטילער, ווייכער טעפּיך
פאַר די וואָס היטן שבת, גייען נאָר צו פוס,
און טראַכט: "קוים־קוים די לאַנגע וואָך דערשלעפּ איך, —
אויך איך, דער ברוק, זיך אויסרוען אַ ביסל מוז.

"די גאַנצע וואָך אַ קאַטאַסטראָפע שרעקט מיך
אין מיטן דעם גערויש, וואָס מאַכט מיך דול און טויב:

אַט באַלד אַ קרבנס בלוט פאַרשפּריצט, באַפלעקט מיך,
און ס׳ווערט באַדעקט, אָנשטאָט מיט אַש, מיט גרויען שטויב.

„איצט רו איך אויס זיך קעגן שטילן הימל,
וואָס שפּילט אויף מיר מיט שטערנשטראַלן דורך דער נאַכט,
ביי טאָג דער זון אַנטקעגן כאַפּ אַ דרימל,
און איבער מיר אַ שבת־מלאך שטייט און וואַכט״.

אין גאַסן שטייען אויטאָס... נישט זיי שטייען —
זיי רוען, אָנגעפּילט מיט שבתדיקן הויך
און טויבן־שטילקייט. זיי אין האַרץ זיך פרייען:
„ווי גוט באַפרייט זיין פונעם גרימעניש אין בויך

„אין דעם מטורפן גערעג אויף וועגן,
ווען ביסט נישט זיכער מיטן לעבן, וואָס דו פירסט!
און אָפּט באַפעלט אין שרעק דאָס האַרץ: — געזעגן,
געזעגן אָפּ דאָס לעבן, וואָס אַליין פאַרקירצסט!״. —

אַצינד דער שאָטן פון די הייזער היט זיי,
און פון געדעכעניש וועפּט אויס זיך די געפאַר;
קוים־קוים וואָס ס׳וועקן פונעם דרימל טריט זיי
פון שבתדיקע יידן אויפן טראָטואַר.

נאָר הייזער אין געבוי — סקעלעטן גרויע,
אָן דאַך און פענצטער, שטאַרצן גליווערדיק־פאַרשעמט:
מע האָט געלאָזט זיי וואַכעדיקע־רויע,
ווי שפּאָטיש־אויסגעלאַכטע שלעפּערס אין דער פרעמד.

לעם זיי דער שלאַנקער אונטערהייבער וואַרנט
מיט טייטלענדיקן פינגער צו דער שטילער וועלט:
„געדענקט, ס׳איז שבת היינט! ס׳וואָלט גאָט געצאַרנט,
ווען עמעץ וואָלט זיך צו דער אַרבעט דאָ געשטעלט״.

גבעתיים. יאנואר־פעברואר, 1966

איך ווער דיין שופר

„ארץ זבת חלב ודבש" (שמות, ג. ח) —
אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.

מיין אָבות־ערד, פאַרלענגערסט מיר דאָס לעבן,
מיך שטאַרקנדיק מיט דיין וויטאַלער קראַפט.
ס׳צעשפּאַרט דיין ברוסט אַ מילך־און־האָניק־זאַפט
ביז פּיין, ווען האָסט נישט וועמען אים צו געבן;

דו לעכצט נאָך די וואָס דיך באַפרייען דאַרפן
פון דיין פאַרשמאַכטקייט אויפן גלי פון זון,
פון דיין געהיים געבענטשטער שפע און
אויף שטיק־צערייסנדיקן ווי דעם שאַרפן.

און ווייל געווען בין איך אין דיר אַ כופר,
כ׳קויף־אויס אַ צ י נ ד מיין ז י נ ד און ווער דיין שופר
צו רופן ברידער־שוועסטער פון דער פרעמד:

„סע וואַרט אויף אייך דער מאַמעס ברוסט צעקלעמט,
זי לעכצט איר מילך־און־האָניק אייך צו געבן
און, זעטנדיק, פאַרלענגערן דאָס לעבן!".

גבעתיים. פעברואַר, 1966

צ י ד ו ק - ה ד י ן

— צי הערסטו, זון, ווי ס׳ווײַנט מיין יעדע גרויע האָר,
ווי יעדעס פון די אַכט און זעכציק מיינע יאָר?
אַז ווי צו מיר! ביסט בלינד און טויב צו מיין געוויין.
אין מיינע יאָרן ערשט וועסט אפשר עס פאַרשטיין,
ווי א י ך באַנעם דיין זיידנס פּיין ערשט היינט:
ער איז געשטאָרבן, ווי געפאַנגען ביי אַ פיינט,
אין גרויסער שטאָט, צעווישן פרעמדע, קאַלטע ווענט,
נישט האָבנדיק צו וועמען אויסשטרעקן די הענט
און פילנדיק — די פרעמדע קישן איז אַ שטיין,
וואָס זאַפּט נישט איין די טרערן; און ס׳געוויין,
וואָס קיינער נעמט נישט אויף, גייט אויס פאַרשעמט
און קרישלט זיך אַראָפּ פון די סופיט־און־ווענט,

און פאַלט אויף דעם געלעגער, ווי אַ זשמעניע זאַמד,
וואָס האָט פאַרגעסן פון אַ וועלכן ים זי שטאַמט — —
אויך איך האָב נישט דערשפּירט מיין טאַטנס פּיין... איך בין
זיך מודה, זון, און מצדיק אויף אויף זיך דעם דין:
ווייל כ׳האָב מיך אויף מיין טאַטנס ווי צו שפּעט דערקענט,
אומזיסט אין עלנט כ׳שטרעק צו דיר, מיין זון, די הענט:
דערקענענדיק מיין שולד, כ׳בין מוחל דיינע, קינד;
כ׳זאָל האָבן אָפּגעקומען נאָר דערמיט די זינד.
און איך בין פון מיין טאַטן גליקלעכער דאָך היינט:
מיין עלנט ווערט פון אונדזער הימלאַנדס זון באַשיינט,
און ס׳וועט מיך אויפנעמען מיין גאָטגעבענטשטע ערד,
ווען ס׳וועט מיר זיין אין איר זיך אָפּרוען באַשערט.

תל־אביב—גבעתיים, פעברואַר, 1966

געזאַנג צו די בויער

אַז ווויל אייך, די וואָס בויען פליסיק הויז צו הויז
און ווו אַ פרייער פלאַץ מיט וווינשטוב פילט איר אויס!

איר שטעלט זיי איינס צו איינס, ווי ברידער, נאָענט צו
און ווינטשט זיך נישט געניסן קיין געבענטשטע רו,
כל־זמן אַ שטיקל פלאַץ ליגט הפקר פוסטאונפּאַס,
ביז הייזער־שורות וועלן אויסבילדן אַ גאַס;
ביז ס׳וועט זיך פּאָרן גאַס מיט גאַס, פון אום — אַ גראַד,
און פון אַ מדבר־שטח שטייגט אַרויס אַ שטאָט.

ס׳וועט שטאָט צו שטאָט זיך נענטערן, און ראַנד מיט ראַנד
צעקושן זיך און ווינטשן — מזל־טוב דיר, לאַנד!
און דיינע בויערס, די עקשנים — רום און לויב!
אין אונדזער שטיין פאַראייביקט זיין וועט אייער שטויב...

מעג ווערן ענג־געדיכט אין אונדזער קליינעם לאַנד, —
ס׳וועט לייכטער זיין זיך געבן שלום מיט דער האַנט;
ס׳וועט פּאָרן האַרצן ליב זיין שפּירן ווי סע קרייזט
דאָס בלוט אין ברודערס האַרץ, און בלוט צו בלוט זיך רייסט —
צוזאַמענגיסן זיך, אין ליבשאַפט ווערן איינס!
און לוסטיק זינגט עס: „כ׳קוויק זיך! ס׳לעבן איז אַ שיינס!"

געבענטשט זייט, איינגעשפּאַרטע בויערס פון דער שטאָט!
סע שיינט פון אייך דער שכינהס ווידערשיין און גנאָד,
כּל־זמן איר לעבט; און ווען איר וועט שוין מער נישט זיין,
אויף אייער קבר העלן וועט דער שכינהס שיין
און אויף די הייזער וואָס איר האָט געבויט מיט פליים
פאַר אונדזער פאָלק, דעם בלוטיק־אויסגעפּרוווטן גרייז,
וואָס צו אַ בליִענדיקער יוגנט קערט זיך אום, —
די דורותדיקע ווייט וועט שאַלן אייער רום!

גבעתיים, פעברואַר, 1966

הלוי

א.

הלוי,
געלייענט דאָרט, אין גלות, דיינע לידער,
איך האָב אומזיסט די לופט פון אונדזער לאַנד
געשנאַפּט: איר אַראָמאַט איז נישט דערגאַנגען
דורך פרעמדע ריחות ביז אין טיפן נידער,
און ס'האָט נישט אין מיין האַרץ קיין בענקשאַפטבראַנד
געצונדן דיין געלעכץ דורך גליגעזאַנגען.

הלוי,
אַצינד ווען איך בין דאָ (אין וועלכן זכות?!)
און אָטעם פּרילינגצייט די אַראָמאַטן
פון בליִעכץ מיט דער הויט פון אַלע גלידער, —
זיי ברענגען מיר פון דיר אַ הייסן גרוס,
ווי צון אַ זון פון אויסגעבענקטן טאַטן, —
איך אָטעם איין דעם דופט פון דיינע לידער.

הלוי,
נישט אַנדערש — דו, אין נאָמען פון דיין פּיין,
האָסט פאַר דיין זון עס אויסגעפּועלט אויבן, —
בין איך פאַרשעמט און מורמל שטיל אַ תּפילה:
דער דופט פון דיינע לידער זאָל אַריין
אין מיינע מיט דיין ליבשאַפט און דיין גלויבן
אַצינד כאָטש, ווען מיין לעבן שטייט פאַר „נעילה".

ב.

נישט וואָר, הלוי, אַז דו ביסט נישטאָ,
כאָטש האָסט געפּעלט זיך פון דער וועלט שוין לאַנג.
דו זיצסט ערשט אין מיין זוניקן געדאַנק,
אין גאָרטן, אין דער פריִער מאָרגן־שעה.

אַ פייגלכאָר פאַרקלינגט מיט העל געזאַנג
דאָס שוואַרצע קראַקען פון אַ קראָ;
דורך צווייגן לייען איך דעם הימלבלאָ:
„הלוי ליכטיקט־אויף מיט בלויען בלאַנק

„אויף יעדן שטערן פון אַ טרייען ייִד,
וואָס צו אַ שורהלע פון זיינס אַ ליד
זיך פעלדלט ציטעריק און „צאַרט־געשפאַנט".

הלוי, כ'אָטעם דאָ מיט דיר ביינאַנד.
באַהעפט מיט דיינעם, פרייט זיך מיין געמיט,
פאַרשיכורט פונעם וויין פון היימישלאַנד.

גבעתיים, מערץ־נאָוועמבער, 1966

די ליבסטע בלום-פון-בלומען

אַן אַלטער ייִד, פון די אַסירי־ציון,
נאָך יאָרן פּינצטערן אין יאָך אין שוואַרצן,
צי קאָן ער אויף דער פריי אויפס ניי נאָך בליִען
אין לאַנד וואָס האָט געגעסטיקט אין זיין האַרצן?

ווי נאָר פיר וועגטלעך מיט אַ דאַך באַקומען,
ער האָט אַ שטיקל ערד מיט מי צעגראָבן
און קעגן פענצטער עס פאַרפלאַנצט מיט בלומען —
דאָס אויג און ס'האַרץ מיט וואָס צו קוויקן האָבן.

ער איז טאָגטעגלעך זיך דערמיט מטפל,
מאַכט שיטעוודיק די ערד, באַשפּייזט מיט וואַסער,
היט יעדע בלום מיט האַרץ, ווי זיין שוואַרצאַפּל,
איז וועגן יעדן שפּראָץ דעם וויב מבשר.

דער הינטערגרונט פון יעדער בלום — זיין עבר,
אַ שוואַרצער, וואָס אים איינצושלינגען גרייט איז,
ווי ס'הינטישע געזעץ איז: „כל דאַלים גבר", —
דערפאַר קאַליריקער אַ יעדער קווייט איז.

ווי פריידמוזיק סע שפּילן די קאַלירן,
זיך ראַנגלען מיטן הינטערגרונט דעם שוואַרצן;
זיי טרייבן אים אַרויס פון די געהירן
און לאָזן אים נישט צו דער שוועל פון האַרצן.

נאָר איין מאָל האָט אַ שטורעמווינט מיט רעגן
געבושעוועט אַ גאַנצע נאַכט און אָן רחמנות
צעווייקט די ערד, אָוועקגעריסן וועגן,
ווי נאָר אַ רשע אויף צו להכעיס קאָן עס.

גאַנץ פרי — דער אַלטער האָט מיט שרעק דערזען עס —
אוי וויי! אין גערטל זיינעם — קיין שום סימן,
אַז דאָ אַ בלום, אַ גראָז געוואָקסן וועלן איז, —
און ס'איז געווען דאָך זיך דערמיט צו רימען!

איצט זעט ער בלויז דעם הינטערגרונט דעם שוואַרצן,
אויף אים — דעם בליק דעם שפּאָטישן דעם רשעס...
ער טוט אַ צאַפּל, כאַפּט זיך פאַרן האַרצן
און פאַלט אַנידער אויף דער ערד חלשות.

„ש... ש... שטיי אויף. — ווי ס'מינטערט אים דער באָדן הערט ער, —
דו ביסט אַליין מיין ליבסטע בלום־פון־בלומען...",
און, אַ געריכטער פון די מאַמע־ווערטער,
ער איז פון דעם חלשות אויפגעקומען...

גבעתיים. אַפּריל, 1966

אין לאַנד הערשט רו...

לזכר די צה"ל־זעלנער
געפאַלענע ביי דביר

אין לאַנד הערשט רו,
ווי ס'וואָלט נישט זיין
אין פּיין

אַרומגערינגלט פון פאַרברענטע שונאים,
ווי קיין שום בייז וואָלט נישט געטראָפן.

סע לייענט זיך די רו אין גאַס אויף יעדן פּנים,
ס׳איז יעדעס פּנים אָפן.
נאָר הערצער זענען צו:
פון דאַנען, נאָכן אויסהערן דעם ראַדיאָ, איז די רו
אַנטלאָפן —
שוין ווידער שיקט דער שונא איבער גרענעץ פייער;
ער וועט באַצאָלן טייער!
דער אומרו יאָגט דערין
אַהין,
צוריק
מיט אַ פאַרהוילענעם טיק־טיק
און טרייבט דאָס בלוט:
נאָר שטאַרקן זיך! נאָר מוט!
די פּלייצע נישט געבויגן!

און מ י ר? אוי־ווי! מיט וויפל בלוט
און יונגע לעבנס מ י ר באַצאָלן?
און פאַר די אויגן
זיך מאָלן בלוט-און־פייער־בילדער, מאָלן...

נאָר מאַמעס וואָס אין צה״ל האָבן קינדער
באַהאַלטן אויס די פּנימער אַצינדער,
פאַרשאָטנטע מיט ציטער־פאַרהענגלעך פון טרויער,
און היטן אויס אַ זיפץ פאַר וועמעס אויער;
ער רייסט זיך שטאַרק, — דערשטיק אים שנעל, דערשטיק!
און קוועלט אַרויס אַ טרער אַ הייסע אויפן בליק,
מע טוט געאיילט אַ קער אַוועק דעם קאָפּ
און שטיל־בגנבה זי אַ ווישׁ אַראָפּ, —
סע זאָל דער מאַן נישט מערקן, נישט קיין קינד.
אַז ווייַ צון אונדז און ווינד.
און ס׳צאַפּלט אויס אַ חנה־תּפילה דאָס געמיט:
אוי, הימל אונדזערער, מיין קינד פאַרהיט, פאַרהיט...

דער ראַדיאָ וועקט פון שאַפּונגסטראַנס אַ דיכטער
ביים שרייבטיש מיט דער פּען אין האַנט:

„פון אונדזערע... און איינער טויט״.
ווי אויפגעוועקט פון שיכרות, קוקט ער ניכטער
און בלאָסט דערשראָקן: זע, דער טינט איז בלוטיק־רויט
און דאָס פּאַפּיר — דער גרינער באָדן פונעם לאַנד!...

אַ ריס זיך אָפּ פון אָרט
אין מיטן גליווערן פון לעצטן האַלבן וואָרט
און לאָז אַרויס צו בלאָנדזשען איבער גאַסן.

ער שפּרייזט, דאָס פּנים אָפן, רויק און געלאַסן,
דער בליק אין טראָטואַר פאַרשטאָכן
און האָרכט זיך איין
אין שאַרפער פּיין
אין מענטשן און אין זיך אַריין —
די צוגעמאַכטע הערצער שלאָגן אומצעבראָכן:
„אין בלוט מיט מוט!״
„מיט מוט אין בלוט!״
„אין פּיין און וויי!״
„אין שוויס, מיט מי!״
„צוזאַמען —״
„איך און דו!״
„צוזאַמען —״
„ער און זי!״
„צוזאַמען —״
„מיר און זיי!״
„מיר שטעלן איין״
„אין היימלאַנד רו״,
„אין האַרצן רו...״.

גבעתיים, מאַי, 1966

שלום-עליכם

צום חנוכת־הבית פונעם
„שלום־עליכם־הויז״ אין ישראל

דורך דורות קייקלט זיך דיין שווערע טרער,
פאַרוויקלט אין דערפרישנדיק געלעכטער; —
ביסט נישט אַ דיכטער בלויז פון פאָלק — פיל מער:
פון זיין מהות אַ דורותדיקער וועכטער.

אין דיינע בלעטער האָבן זיך פאַרהיט
זיין ווײַנענדיקן פידלס צאַרטע סטרונעס;
זיי שפּילן היינט נאָך אויס דעם ייִדס געמיט —
בטחון אין אַ וואַלד פול גרויל־סכנות.

דעם פאָלקס געפיל האָט טיף אין דיר געלעבט,
ווען האָסט אויף זיינע ליידנבערג געקלעטערט;
אַצינד ביסט דו אין פאָלקס געוועב פאַרוועבט,
און ס'איז דיין לעבנסווערק אין אים פאַרבלעטערט.

סע קייקלט זיך דיין טרער דור־איין, דור־אויס,
אַ ליכט־צעשפּילטע, ווי אַ רעגנבויגן,
און לוסטיק שפּיגלט־איין און שפּיגלט־אויס
דעם פאָלקס אין־האָפענונג־פאַרקוקטע אויגן...

גבעתיים, 15.5.1966

דער זיידע מיט אייניקל

דעם קדוש רבי יצחק מרדכי זלאָטניק
און זיין אייניקל עמוס צורף ז"ל *

עמוס, ווען די אויגן האָט פאַרמאַכט דיין זיידע,
די לעפּצן — מיטן לעצטן „אחד"־ציטער,
מיט אים ביסט אויסגעגאַן אויף דער עקידה
אין ווילדצעשפּילטן אַשמדאיס געוויטער.

און ווען דו ביסט אַקעגן פיינט צעזאָטן,
אויס ליבשאַפט צו דעם לאַנד, אין קאַמף געשטאַנען,
דיין זיידע האָט אַזוי דיין האַרץ געבאָטן:
ווי יצחק צום מוריה זאָלסטו שפּאַנען!

און אַז דעם מערדערס קויל האָט דיך געטראָפן,
ביינאַנד מיט דיר דיין זיידע איז געפאַלן; —

---

* דער זיידע — אומגעבראַכט אין דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, הי"ד; דאָס אייניקל — קאָמאַנדיר־דערציִער אין פלמ"ח (אונטערערדישע קאַמפס־איינהייטן פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה) — געפאַלן אין קאַמף אין יאָר תש"ח, 1948, צו זיין 21סטן לעבנסיאָר.

די רעשטלעך אייערע צוזאַמען שלאָפן,
צונויפגעגאָסן די נשמות שטראַלן.

און ווען דיין טאַטע — צווישן אייך דאָס רינגל —
באַזוכט דיין קבר, מיינט עס אויך דעם זיידן;
ער איז מתייחד זיך מיט דיר, זיין ייִנגל,
צוגלייך מיט אים, — וואָס קאָן איך דען צעשיידן?

מיט דיר אויף לשון־קודש טוט ער ריידן,
מיט אים — אויף שפת־הקדושים: לשון־ייִדיש; —
אַז דאָרט אויך דו רעדסט ייִדיש מיטן זיידן
האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אים אַ חידוש...

גבעתיים, יוני, 1966

איך זע א וואָגשאָל...

סע מאָלט זיך פאַר מיין בליק, אין חורבות, ייִדיש־פוילן,
און איבער וויסטקייט שוועבט אין טרויערטראַכט די שכינה,
נאָר אויף קיין רגע טוט פון מיר זיך נישט פאַרהוילן
דער בלענד פון אונדזער אויפגעקומענער מדינה.

אַז וויפל כ׳זאָל אויף אונדזער גרויסן בראָך נישט קלאָגן,
מיין ווייליד וועט נישט צו זיין גרוילער מאָס דערגרייכן;
ווי הויך מיין פריידליד זאָל צעפליגלט זיך נישט טראָגן,
ס׳וועט נישט דערהייבן זיך אַריבער זיינע הייכן.

איך זע אַ וואָגשאָל... אויף די שאָלן ליגן ביידע —
מיין טרויער און מיין פרייד; אויף זיי זיך וועגן־וויגן,
און ביידע — ווי געפייניקטע פון חבלי־לידה,
וויל קיינער נישט פון זיי דעם צווייטן גאַרט באַזיגן.

און ס׳ווערט מיין האַרץ געוואָרפן, ווי אין כף־הקלע,
און קאָן קיין רו אין גלייכגעוויכט נישט אָפּגעפינען, —
דערום, געליבטע, זאָל עס דיר נישט זיין קיין פלא
וואָס דורך מיין ליד פאַרנעמסטו טרויערשטרעמלעך רינען.

סע ווייבט אין מיין געמיט, אין חורבות, ייִדיש־פוילן,
אין בלענד פון אונדזער אויפגעקומענער מדינה,

און צו פאַרקוקן איינס פוןביידע כ'טאָר ביי זיך נישט פועלן, —
איז מיין געזאַנג צונויפגעשפּילט פון ליד און קינה...

גבעתיים, יוני, 1966

צו לייוויקן — סאָנעטן פון די יידישע פּאָעטן

צום בויען דאָס „לייוויק־הויז" אין תל־אביב

א.

מיר בויען, לייוויק, פאַר דיין זעל אַ הויז.
דערפון אַרויס — אַ שפע ליכט וועט שלאָגן
און אין דער וויַט אַריין אַ בשורה טראָגן:
„וויַל ס'איז די פינצטערניש אַזוי שוין גרויס,

„וועט ענדלעך מוזן אָנהייבן צו טאָגן.
די זון וועט אויפגיין — אַ צעשטראַלטע רויז,
די פינצטערניש וועט ווערן שיטערלויז
און מיט די בלאַסע לעפצן ווידוי זאָגן".

אַן אוהל־מועד וועט דאָס הויז דיינס זיין
פאַר אַלע די וואָס ציִען זיך צו שיין —
מיר ייִדישע צעפּייניקטע פּאָעטן;

מיט אַכפּערונג מיר וועלן עס באַטרעטן,
און דו, געלייטערטער אין גלי פון פּיין,
אַרומהאַלדזן וועסט יעדן: „ברודער מיין!"

ב.

דאָס הויז אַליין באַשיידן וועט זיך האַלטן,
נישט רייסן זיך מיט גדלות הויך־אַרויף,
נאָר ווינקען שטיל: נעמט, ייִדן, זיך צונויף
אין מיר... דאָ שוועבט אַ גייסט באַהאַלטן,

וואָס האָט געשאַפן אין זיין לעבנסלויף,
פון זינט זיין בלוטן אין סיביר דעם קאַלטן

און ביזן אויסגיין — ליד, געזאַנג, געשטאַלטן, —
נשמה־סטרונעס ציטערן זיי אויף.

סע וועט דער ווייכער שוועב פון זיינע פליגל
פאַרוויגן אייער פּיין אין דעם געמיט,
ווי ס׳האָט אַ מאָל דער מאַמעס זיסע ליד

אייך איינגעשלעפערט, שאָקלענדיק דאָס וויגל;
כאָטש זי געמעגט האָט זיין אַ לאָגל פּיין —
איר ניגון האָט באַרוישט ווי מילך און וויין.

ג.

דיין זריעה שפּראָצט אין אונדזער המשך־שאַפונג —
געדענקען מיר דערביי אין דיר, צי ניט;
דו האָסט זי אין דיין שעפערישער גאַפונג
אויף אונדזער שוואַרצערד ברייטהאַרציק צעשיט

מיט האַנט, אַרויסבאַפרייטער פון פאַרשקלאַפונג,
וואָס מחמת פליכטגעפיל זיך וויליק מידט;
און אויך אין בלאָסע רגעס פון פאַרשלאָפונג
זיך ציטריק־שרעקעוודיק צוריק נישט ציט.

דיין ווייסע האַנט די שטראַליק־אויסגעשטרעקטע,
וואָס מיט אַ פינגער טייטלט אויף באַפלעקטע
מיט בלוט יריעות אינעם מענטשנס גייסט, —

זי טרוימט אין רוים אויך נאָך דיין שטאַרבן
מיט זיבן רעגנבויגנדיקע פאַרבן, —
צו איר, פאַרכישופט, אונדזער בליק זיך רייסט.

גבעתיים, יולי—אויגוסט, 1966

בריוועלעך צום זון אין צה״ל

א.

דו ביסט פון מיר נישט אָפּגעריסן —
אין צה״ל כ׳בין, מיין זון, מיט דיר;

מיר לערנען זיך די קונסט פון שיסן,
אויף אָפּהיטן דאָס לאַנד. כ׳שטאָלציר!

מיר טראַכטן נישט דעם שונא צו באַפאַלן,
וואָס הינטיש קריצט אויף אונדז די ציין;
נאָר אונדזער האַרץ וועט נישט אַנטפאַלן,
קוים לאָזט ער קעגן אונדז זיך גיין, —

באַגעגנען וועט אים אונדזער וואָפן
(מיר ביידע וועלן זיין ביינאַנד),
מיט פייער־שפּייעכץ אים באַשטראָפן
פאַר אונדזער אויסגעוויינטן לאַנד.

און כ׳בין מתפּלל, זון, זאָלסט שפּירן:
דיין אַלטער טאַטע קעמפט לעם דיר
מיט גאָר זיין האַרץ און די געהירן... —
ווי איך — מיט דיר, שטאָלציר מיט מיר.

ב.

נראית לו דמות דיוקנו של אָביו (סוטה, לז) —
ס׳האָט זיך אים באַוויזן דאָס בילד פון זיין פאָטער.

מיין זון, מיר זענען נישט באַשאַפן
אויף צו פאַרגיסן אומשולדבלוט,
נאָר צווינגט מען אונדז, מיר מאַכן גאַפן
מיט אונדזער אומדערוואַרטן מוט.

ס׳איז יעקב דאָך דער פאָטער דיינער —
דער פאָטער פונעם גרייזן שטאַם,
קוים פאַלט פון אים אויף אונדז אַ שיין נאָר,
פאַרקערט זיך אין אַ לייב אַ לאַם.

זאָל תּמיד שטיין דיר פאַר די אויגן,
ווי יוספן, דעם פאָטערס בילד, —
צו קעמפן מוטיק־אומגעבויגן,
נאָר ס׳בלוט זאָל נישט פאַרזידן ווילד.

קוים האָסטו שוין באַזיגט דעם שונא,
פאַרשאַפֿ אים נישט קיין פּיין אומזיסט.
מיר זענען נישט, ווי ער אַזוינע;
געדענק, אַז יעקבס זון די ביסט.

ג.

איך פיל: די מאַמע ליידט. באַצייטנס
איר קלעמט דאָס האַרץ מלחמה־שרעק.
זי בענקט, כאָטש ביסט נישט פון דער ווייטנס —
איר האַרץ באַגלייט דיך אין דיין וועג.

איז קאַרג זשע נישט פאַר איר קיין שורה,
איר שרעק מיט ווערטער וואָרצל אויס;
פון איר איז דאָס אַליין שוין גבורה —
זי גיט זיך מיט קיין טרער נישט אויס.

נאָר כ׳הער ביי נאַכט: זי זיפצט פון חלום
און ווי זי וואָלט געדאַוונט שטיל:
„באַשעפער, שענק אונדז רו און שלום, —
צי בעט איך דען פון דיר צו פיל?...״

קיין קלאַנג פון מויל אירן איך הער נישט,
נאָר ס׳אויג מיינס לייענט וואָס זי רעדט:
„קיין סך פון דיר, מיין גאָט, כ׳באַגער נישט,
בלויז דאָס איז מיין פאַרשטומט געבעט...״

ד.

אַזוי איז אויף דער וואָר; פאַרקערט — אין חלום:
דו קומסט צון אונדז אין זעלנערשן מונדיר
און זאָגסט אונדז אַשכנזיש: „אמאַ, שלום
און שלום, אַבאַ, שלום אויך צו דיר!״

צוזאַמען זיצן מיר באַהעפט — אַ דרילינג,
ס׳איז קיין מחיצה צווישן אונדז נישטאָ;
פון אונדזער יונגן לאַנד דער יונגער פרילינג
באַגריסט אונדז: „אין אַ מזלדיקער שעה!״

מיר לאָזן נישט אַראָפּ פון דיר די אויגן:
באַהאַרצט און רויִק דו דערפילסט דיין פליכט...
„מלחמה?... נישט געשטויגן, נישט געפלויגן" —
מיר לייענען אַראָפּ פון דיין געזיכט.

און זע: איך ווייס אין חלום — ס'איז אַ חלום...
און פריי זיך ווי מיט בליִענדיקער וואָר:
די וועלט זיך ציט פאַרבענקט צום שלום,
מיט שלום קומט צון אונדז דער נייער דור...

ה.

מיין זון, כ'האָב היינט פאַרגאָסן טרערן:
געפאַלן אויף דער גרענעץ אַ כאַיאַל...
אַ כמאַרע האָט פאַרפינצטערט מיר דעם שטערן,
און ס'האָט אַ פלייצרעגן געטאָן אַ פאַל.

ווען איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט זיין נאָמען,
צעשפּילט האָט זיך אין מיין געטרער אַ שטראַל:
דו לעבסט!... נאָר ס'האָט פאַרשעמט זיך מיין נשמה:
און יענער, דער געפאַלענער כאַיאַל,

צי האָט ער נישט קיין טאַטע־מאַמע? שעם זיך!... —
סע האָט זיך אויסגעלאָשן גלייך דער שטראַל.
און אָט־אָט זיץ איך... טרערן טריפן. כ'קלעם זיך:
געפאַלן אויף דער גרענעץ אַ כאַיאַל.

ס'האָט אויף דער גרענעץ אים דער פיינט דערשאָסן,
און ווער עס זאָל נישט זיין אָט דער כאַיאַל,
פאַר אים די טרערן ווערן דאָ פאַרגאָסן, —
זאָל לייכטן זיין נשמה, ווי אַ שטראַל...

ז.

„נישט קעמפן לערנען מיר זיך היינט. מיר רייסן
די עפּל אין אַ קיבוץ פונעם בוים!
די עפּל שמייכלען: „מעגסט אַפילו בייסן..."
און אַז מיר זעלנערן געדענקט מען קוים.

„ווי די קיבוצניקעס, מיר אומדערמידלעך
זיך מיִען פֿאַרן וווּיל פֿון אונדזער לאַנד;
סע שמעקט די לופֿט, אַרום איז ליכטיק־פֿרידלעך,
און ברידערלעך באַמיט זיך יעדע האַנט...“

ווי וווּנדערלעך, מיין זון, די שורות זיינען!
ווי נישט מיט טינט געשריבן, נאָר מיט ליכט,
ווי דופּטיקע שליחימלעך, וואָס שיינען,
געקומענע פֿון בלויקייט אומגעריכט.

ווי ס׳וואָלט אין שטוב אַ וווּנדערלעכער פֿלאַנצער
אַן עפּלסאָד פֿאַרפֿלאַנצט. ווער איז ער? דו!
און איבער אונדזער לאַנגער גאַס דער גאַנצער
פֿאַרשמעקט האָט עפּלדופֿט און פֿרידנרו...

גבעתיים, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1966

גשמי ברכה — געבענטשטע רעגנס

והורדתי הגשם בעתו
גשמי ברכה יהיו (יחזקאל, לד, כו) —
און איך וועל נידערן דעם רעגן אין זיין צייט;
געבענטשטע רעגנס וועלן דאָס זיין.

ס׳האָט אומגעריכט אַ פֿלייץ געטאָן אַ רעגן.
איר פֿרעגט: ווער דאַרף אים איצט? פֿון וועמעס וועגן?
איך וועל עס אייך דערקלערן, ווייל איך ווייס:
פֿאַר אַ געוועש אַ דורכגעזאַפּטס מיט שווייס...
ס׳איז אַ כאַיאַל געקומען פֿון די זאַמדן
און פֿעלדזן אַ געלערנטער — אַ למדן! —
צו לויפֿן, קריכן, אויפֿשטיין אויף באַפֿעל,
אַ גרייטער מאַכן פֿונעם פֿיינט תּיל־תּל,
קוים גאָר ער וועט זיך קעגן אונדז דערוועגן, —
ס׳וועט אים באַגעגענען אַ קוילן־רעגן!... —
און זיינע בגדים — שוויס מיט זאַמד: אַ שטיין!
ווי מאַכט מען זיי אי ווייך אי ריין?
אַ ווייטיק צו דער מאַמען, אוי, אַ ווייטיק —
אַ ים מיט וואַסער איז דערצו דאָך נייטיק;
און ברענגען עס פֿון וואַדי איז צו שוואַך

דער אַלטער מאַמעס הענט... אַ דאַנק, אַ שבח
דעם בורא־עולם פאַרן שטאַרקן רעגן,
געשיקט פון הימל פאַר דער מאַמעס וועגן!

גבעתיים, אָקטאָבער, 1966

צו גאַסט אין שער־הגולן

איציק מאַנגערן
אין תפילה: „יהוה יסעדנו על־ערש דוי"
(תהלים מא, ד) —
גאָט זאָל אים אונטערלענען אויפן קראַנקנבעט.

.1

צו דיינע תכלת־הימלען

איך פאָר, רחל, צו דיינע תכלת־הימלען,
וואָס שפּיגלען זיך אין פּידלדיקן ים,
ווו אין די שאָטנדיקע וועלדלעך דרימלען
די בלויע אַשן פון דיין האַרצנס פלאַם.

דעם פלאַם, וואָס האָט צו פרייהייט זיך געצויגן,
ווי אין דער וויסט דער ברענענדיקער קוסט,
און — נישט ווי יענער פאַרן נביאס אויגן —
זיך אויסגעברענט אויף בלויען אַש אין ברוסט.

האָסט קעגן בייזן גורל נישט געצאָרנט,
דאָס שלעכטס מיט קרעכץ אין ליד געפאָרט צום גראַם,
און מיט אַ קבר דיין געביין באַוואָרנט
אין שכנות מיטן שפּילנדיקן ים.

דיין מיידלש לייב־און־בלוט האָט זיך געצויגן
צום לעבן, ווי אַ קינד צו מוטערס ברוסט,
נאָר, האַלטנדיק פאַרמאַכט די מידע אויגן,
אַז ס׳ברענט זיך אויס, דו האָסט געשפּירט־געוווּסט.

דו האָסט זיך אונטערטעניק־שטיל געזעגנט
ביים לעצטן צאַפּל פון דיין בלויען פלאַם

מיט דער אין בליק זיך לעשנדיקער געגנט,
דעם הימל און דעם צאַפּלדיקן ים. — —

איך פֿאָר... ווען כ׳וועל פֿאַרביי דיין שכן פֿאָרן —
דעם ים, כ׳וועל זוכן איבער אים דיין שיין
און דיינס אַ ליד אַ צאַרטס אין מיין זכרון,
און אפשר גאָר... וועסט דו אַליין דאָרט זיין —

אויף וואַסערגלאַנץ, געמישט מיט בלענד פֿון שטראַלן,
אַ שטאַלט, געפּאָרעמט פֿון אַ בלויען פֿלאַם,
טויכט־אויף פֿון ים... און איך אין זיך וועל שאַלן:
— רחל! דו לעבסט אין פּידלדיקן ים...

.2

א דאַנק דיר, ליד

אַ דאַנק דיר, ליד, וואָס האָסט מיך אָפּגענאַרט,
פֿאַרשאַפֿנדיק ווייסראָזן פֿאַרגעניגן; —
די ווירקלעכקייט האָט זיך אַריינגעשאַרט,
אַנטבלויזנדיק דיין „חוצפּהדיקן” ליגן; —

ס׳איז ערלעכער דיין ליגן פֿון דער וואָר
דער ווירקלעכקייטס, וואָס ברענגט אונדז גרויע ליידן, —
דו האָסט מיך טאַקע אָפּגעליגנערט, נאָר
געבראַכט דערפֿאַר ווייסראָזע וואָרע פֿריידן...

.3

און אַז מיין לאַנד...

און אַז מיין לאַנד איז גרויס אַ געגנעץ,
איך בין דערגאַנגען ביז דער גרענעץ.
דאָ האָט אַ צייכן אין דער מיט
אַ הילך געטאָן אויף מיר: „זיך היט!
קום מאַכסטו בלויז אַ טראָט נאָך איינעם,
ווערט באַלד פֿון דיין שפּאַציר דעם שיינעם
אַ וויסטער מאַרש, אַז ווי־און־אַך:
דעם שונא — פֿרייד, און דיר — אַ בראָך!”

איך האָב געשעפּטשעט שטיל, מיט ציטער:
„באַהיט מיך, גאָט, ישראלס היטער.
אַז ס׳איז דאָס לאַנד די גרייס אַ גענעץ,
ווי מיידט מען אויס דעם בראָך — די גרענעץ?״
און כ׳הער פון האָרץ אַן עכאָ: — מענטש,
גיי גלייך אַהיים און גומל בענטש.
און דאַנק פאַר אָט דעם לענדל־פּענעץ
אַ דאַנקען אַן אַ מאָס און גרענעץ״ — —
איך פאָלג די שטים און זינג אַ לויב
מיין לענדלס מינדסטע פּייג און טרויב...

.4

באַלאַדע ביי דער ישראל־גרענעץ

...איך האָב פאַרבלאָנדזשעט! בין אַריבער
די גרענעץ. כ׳הער ווי ס׳קלאַפּט מיין האַרץ.
איז דאָ די ערד נישט פול מיט גריבער,
ווי אויפגעפּראַלטע פּיסקעס, שוואַרץ?

סע שיצט מיך אַ באַנאַנען־וועלדל
מיט שאָטן פאַרן שונאס בליק,
און אויף מיין שטערן קנייטשט אַ פעלדל
די שרעק: ווו איז דער וועג צוריק?

און שטייענדיק כ׳פאַרמאַך די אויגן
און טאַפּ די ריכטונג בלינדערהייט...
אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן?
ס׳אַ שרעק! דאַלעבן עמעץ שטייט!

ס׳פאַרגליווערט מיך אַ קאַלטע אימה,
— אוי, מאַמע מיינע! — כ׳טו אַ קרעכץ
און ווערטער גלייך פאַרנעם געהיימע:
„איך היט דיך אָפּ פון כל־דאָס שלעכץ״.

דערהערט די רייד אויף לשון־יידיש,
די צאַרטסטע שטימע פון אַ פרוי, —
כ׳פראַל־אויף די אויגן מחמת חידוש,
און פרייד רייסט־אויס פון האַרץ אַן „אוי!״

— ווער ביסטו?! — נעמט עס אין מיר קוועלן, —
ווי ס׳לייכטן דיינע אויגן העל!
כ׳מוז מיינע מיט די הענט פאַרשטעלן. —
מיט שמייכל מורמלט זי: „רחל״.

— ביסט רחל?! — כ׳ווער נאָך מער פאַרחידושט, —
די מאַמע פונעם חומש? „ניין...
גישט איין ליד מיינס האָסט דו פאַרייִדישט, —
איצט קום איך אָפּדאַנקען דיר שיין;

„און אויך אַ דאַנק דיר פאַר די לידער
וואָס האָסט געשאַפן וועגן מיר, —
דו ביסט מיר, צווישן מיינע ברידער
פּאָעטן, טייער אַן אַ שיעור״.

גערירט, איך וואַקל זיך, אַט פאַל איך..
זי כאַפּט מיך אונטער מיט אַן „אוי!״, —
כ׳פאַרנעם אַ פליגלען פון אַ מלאך,
און מיינע אויגן טריפן טוי.

אונדז טראָגט אַ פליגל, צי אַ זעגל?
זי מורמלט, ווען מיר בלייבן שטיין:
„פאַרדריי זיך איצט מיט דעם־אָ שטעגל,
און גלייך צום קיבוץ וועסט דערגיין.

„טו־אָן, — זי שמייכלט מילד, — דיין בערעט:
די זון באַקרוינט דיין קאָפּ מיט פלאַם;
און איך פאַרקער זיך צום כנרת:
ס׳בענקט אלישבע * לעבן ים...״

זי שטרעקט מיר אויס אַ האַנט אַ ראָזע,
איך טו פאַר איר זיך אַ פאַרבוק.
„זיי דרייסט, שאַף לידער מיט העזה...״.
איך שפּיר ווי ס׳מוטיקט מיך איר דרוק

* אַ ר׳וסין. רוסישע און העברעיִשע דיכטערין.

און זע: ווייט־ווייט צו דעם כנרת
בליצט דורך אַ כישופדיקע פייל...
די זון צינדט אָן מיין ווייסן בערעט,
דער בערעט — מיך: אַ פייערזייל.

איך לויף אַריין אין וואַנע־צימער
און לאָז אויף זיך דעם וואַסערשפריץ, —
מיין הויט באַקומט איר קילן שימער,
און ס'וועפּט זיך אויס פון לייב די היץ.

איך טראַכט: דעם בלוי פון דער באַלאַדע
פאַראייביק דרייסט אויף ווייס פּאַפּיר;
רחל וועט העלפן דיר אַוודאי, —
און באַלד איר אָטעם איך דערשפּיר — — —

שער־הגולן, סוכות, תשכ"ז, 1966

תפילה פון אַ „טירונ"ס מאַמע

לזכרון די קרבנות פון אַ פיינטלעכער מינע אין שער־הגולן:
סמל יוסף עמר, יעקב גיני, אַברהם לוי און נסים כהן, ז"ל.

אַלמעכטיקער און האַר פון אַלע וועלטן,
וואָס ס'וואַכט דיין אויג אויף צה"לס פעלדגעצעלטן,
פאַרנעם מיין תפילה, איינגעפּאַסט אין טרערן:
דו זאָלסט מיר, באַרעמהאַרציקער, באַשערן,
סע זאָל מיין זון דעם איינציקן נישט אָנקומען צו־שווער
די פונעם שונא אויפגעצווונגענע מלחמה־לער,
צו קאָנען מוטיק מיטן האַרץ און מיט געווער
באַשיצן ס'היימלאַנד און דאָס פאָלק, —
נאָר נישט צו רצחענען אָן טאָלק:
„לא תרצח!" איז אַן אייביק־הייליקער פאַרווער.

דערציִער גוטע אים באַשער,
און לערער ערלעכע באַשער אים,
מיט הערצער נישט־צעפרעסענע פון ווערעם,
ווי: אייגנוץ, באַרימעריי

און גרויסקייט־האַלטעריי;
אַזעלכע וואָס נאָך הערשעריי
אויף נידעריקער שטייענדיקע זיך נישט יאָגן;
נאָר זייער איינציקער באַגער
איז איינהיטן די גאַנצקייט פונעם לאַנד,
עס אויסהיטן פון חורבן און פון שאַנד,
און דאָס איז דער „שוויתי" וואָס אין האַרץ זיי טראָגן, —
סע זאָל מיין קינד נישט מוזן זיך אויף ברידער קלאָגן.

נעם־אָן, נעם־אָן, פיל־רחמימדיקער האַר,
מיין תפילה,
וואָס האָט זיך אין דער צאַפּלדיקער הילע
פון מיין צעבענקטן האַרצן אויסגעוואַרעמט,
אויסגעגליט אין טיגל פון מיין צער
און אָפּגעטובלט אין די טרערן
פון מיינע אויגן, אויפגעשראָקענע פון קריגסגעפאַר,
און רייסט צו דיר זיך דורך געזעמלען שטערן:
זאָלסט זיין אויף אונדז דערבאַרעמט
און שלום שוין אויף אייביק אונדזער לאַנד באַשערן;
ס'זאָל זיין: אַ שאַד! אומזיסט געמיט זיך און געמאַטערט,
די יוגנטצייט די גאָלדענע אויף לערער לער צעפּטרט.

ווייסט גוט, מיין האַר, אַז נישט נאָר מיינע איז די תפילה,
ס'פאַרנעמט דיין פאָטערלעכער אויער ווייל
די שטים פון אַלע מאַמעס דורך מיין מויל:
באַשענק דאָס לאַנד מיט יאָרן שלום־שטילע,
מע זאָל נישט וויסן מער שוין פון מלחמה־גרויל. —

נישט נאָר די מאַמעס און די טאַטעס,
די באָבעס און די זיידעס,
די ברידער און די שוועסטער
פון אַלע עדהס —
דער ערגסטער ווי דער בעסטער —
נאָר אויך: די חיות היימישע, די פייגל־טשאַטעס,
די וואַסערן, די פיש אין ים און טייכן,
די פלאַנצן, הייזער און שאָסייען,
די ערד־און־הימל,
די רו און דרימל, —

זיי אַלע טוען תּפילה דורך מיין מויל:
לייז־אויס אונדז, פֿאָטער, פֿון מלחמה־ווייען,
זי זאָל, די רויטע פּעסט, אונדז ווייכן;
זאָל שלום שטראָמען העט צו ווייטסטע ווייטן
און זיך אַליין באַגעגענען ביי לייטן,
און שלום שלומען זאָל שלום געבן
און ווינטשן: אַלעמען צום לעבן!

גבעתיים. אָקטאָבער, 1966

ל י כ ט

דעם תּנ״ך־קרייז ביים „ועד ההורים המרכזי״
צו זיין אַלט ווערן פֿופֿצן יאָר

פֿאַר וואָס איז ליכטיק ערשט אויף מיין געמיט,
ס׳פֿאַרוואָלקנט זיך נישט פֿון די גרויע זאָרגן?
צי ווייל ס׳איז פֿריש און מילד דער פֿרי׳ער מאָרגן,
און ס׳איז די זון צעשיינט און נישט צעגליט?

ס׳איז מיר געשען אַ ווונדערלעכע זאַך:
דאָס ליכט באַרויקט, שמעקט און הייליקט!
כ׳האָב נעכטן אָוונט זיך ביז חצות באַטייליקט
אין אַ מסיבה פֿון אַ „חוג־תּנ״ך״;

מע האָט געלערנט „משלי שלמה״ — און
אַ יעדער משל האָט ווי גאָלד געקלונגען;
מיר האָבן „אשת חיל״ שטיל געזונגען,
אַדורכגעשטראַלט פֿון שלמהס חכמה־זון...

איז פֿול ביז איצט נאָך מיין דערפֿרישט געמיט
מיט ליכט, וואָס זאָרגן קאָנען נישט באַפֿלעקן,
און שמעקט, ווי אַהרונס ווונדער־מאַנדל־שטעקן,
מיט דופּט תּנ״כישן פֿון מאַנדלצוויט...

גבעתיים. אָקטאָבער, 1966

דריי לידער

מיט ברכות רבי ש״י עגנונען —
צו זיין קרוינונג מיטן נאָבלפּרייז.

א. ביכער

בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ (קהלת, יב, יב) —
מיין זון, זיי געוואָרנט: צו מאכן פיל ספרים איז נישטאָ
קיין ענד.

שטייען שורות ביכער שטום און טויב,
איינגעהילט אין טאָוולענע תכריכים;
שפּירן נישט ווי ס׳פּאַלט אויף זיי אַ שטויב,
ווייסן נישט, זיי זענען די שליחים

פון געדאַנקען־ און געפילן־קוואַל,
וועלכער קוועלט אין ערגעצן באַהאַלטן;
ס׳פעלט נאָר — ס׳זאָל מיט נייגיר זיך דער שטראַל
פון אַ מענטשנס בליק אין זיי פאַרהאַלטן, —

וועלן זיי פון שטומעניש אַרויס,
פון דעם גליווערניש ווייס־שוואַרצן,
און אַריינצי׳ען אין צאַפּלהויז —
אין די טורעמס פון זיין קאָפּ־און־האַרצן...

גוט און ווויל איז יענעם מאַן וואָס טרעפט
אויף אַ בוך מיט ריינעם גייסט געשאַפן:
זיין געמיט דערקוויקט זיך און באַהעפט
מיט די אויפגעלעבט־צעשטראַלטע טראַפן;

פילט זיך אָן מיט מילדן שכינה־ליכט,
פילט זיך צו דעם הימל אויפגעשטיגן,
ס׳לייב פאַרלירט דאָס ערדישע געוויכט,
און ער שטרעבט, אַלץ העכער זיך דערקריגן...

וויי־און־ווינד איז יענעם וועלכער טרעפט
אויף אַ בוך מיט טייוולגייסט געשאַפן:
זיין געמיט סמט־אָפּ זיך און באַהעפט
מיט די פינצטערע, שטאָקשוואַרצע טראַפן;

ס׳לייב ווערט ערדישער און שלעפט אַראָפּ
טיפער אַלץ צו פינצטערע תהומות
און, אַרויף די פיס, אַראָפּ דער קאָפּ,
צאַפּלט־צאַפּלט אין קאָשמאַר־חלומות... — —

שטייען שורות ביכער טויב און שטום,
איינגעהילט אין טאַוולענע תכריכים, —
מענטש, נישט גלייכגילטיק זיי גיי אַרום,
פאַרש נאָר: ווען זענען זיי שליחים?...

ב. צווישן פריש־געבויטע, נישט־באַזעצטע דירות

„ווען די עליה איז אין צושטאַנד פון ירידה״.

דאָ שטייען מיט פאַרמאַכטע טירן־פענצטער דירות
און גלאָצן טויב־און־שטומע צו דער טויטער גאַס.
נאָר שטרענגער מאָנער יעדעס פענצטער, יעדע טיר איז:
„פון שטיין אַ לערע ליידט אַפילו שטום אַ פּאַס.

„מיט שטילקייט־גליווער אָנגעפּילטע, מיר זיך שטיקן
און לעכצן רויש און טומלעניש פון קינד־און־קייט.
ווען קומט איר ענדלעך, נייע עולים, אונדז דערקוויקן
מיט אייער אָטעם און בשותפותדיקער פרייד?

„ס׳אַ מדבר דאָ — קיין יידיש אויג, קיין אויער.
דו איינער, דיכטער, בלאָנדזשעסט אום מיט אונדזער פּיין,
קוקסט צו, און ס׳פּילט דיין האַרץ זיך אָן מיט שווערן טרויער, —
זאָלסט דו פאַר אונדזער מאָנונג דער שליח זיין.

„און נעם און שיק אַרויס דיין ליד ווו נאָר סע וווינען יידן, —
זאָל מאָנען עס ביי זיי פאַר אונדזער שאַנד און צער:
„ווי קאָנט איר, ברידער, לעבן אין דער פרעמד צופרידן,
ווען אָן באַשיצער שטייט דאָס הײמלאַנד אין געפאַר?!

„ווען איר, ווי איך, וואָלט זען עס, — דערפילט וואָלט יעדער
פון אייך, וואָס איך, אויב נאָר סע איז זיין האַרץ אַ ייד...״ — —
איך זעץ זיך אויף אַ פעלדזשטיין, נעם אַרויס די פעדער
און אויפן אָרט פאַרשרייב דאָס צאַפּלענדיקע ליד.

מיין ליד! אַ פויגל וועד, צו די מרחקים טראָג זיך
און ווו אַ יידיש הויז, שטעל אָפּ זיך אויף זיין דאַך,
מיט ברען, ביז כלות־הנפש, זינג זיך אויס, דערשלאָג זיך
צו יעדנס האַרץ און טו דערין אַ פּיק: דערוואַך

פון שלאָף־פאַרזינקעניש צעווישן פרעמדע זומפּן,
ווו ס׳לויערט טויט אויף דיין נשמה, אָדער גוף!...
דיין היימלאַנד, כאָטש פאַרפּעלדזט, פאַרשטיינערט, איינגעשרומפּן,
זאָגט־צו דיר אייביק לעבן. ברודער, האָרך זיין רוף!

ג. נאָוועמבער־פרימאָרגן

הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל
(תהלים קכ״א, ד) —
זע, עס שלומערט נישט און שלאָפט נישט
דער היטער פון ישראל.

דער רוים — געוועב פון כמאַרע,
קיין זכר פון דער זון, —
צי האָט איר שטרענג באַפוילן:
„באַווייז זיך נישט!“ בן־נון?

נאָר זע: פּאַמעלעך פלעקט זיך
אין רוים אַ זילבערשיין,
די וועלט פון גרויקייט וועקט זיך:
„די זון איז דאָ! וועט זיין!“

פאַרגרויט שטייט אַלץ, אין אומעט
פאַרשוויגן, ווי אַ סוד, —
איז היינטיקן פרימאָרגן
פאַרשלאָפן זיך אויך גאָט?

ס׳איז גאָט זיך נישט פאַרשלאָפן —
ער איז דאָך תמיד וואַך; —
„לא ינום ולא יישן...“
זיך ליכטיקט פון תנ״ך...

גבעתיים. אָקטאָבער—נאָוועמבער, 1966

רעקרוטן־געניטונגען אין צה״ל

סע שיינט די זון, אָן קלאַנג צעלאַכט.
דער הימל וועלבט זיך מילד און בלוי.
און אויפן ברייטן פּלאַץ — „מגרש המסדרים“ * —
גייט אָן אַ ש פּ י ל פון יינגלעך נאָך,
אין טונקלגרינע שטויביקע מונדירן,

* סטראָיפּלאַץ

מיט ביקסן ביי די דינע ריפּן,
ווי טײַטלען אויסגעשטרעקט צום בלויען הימל־סידור.
די ייִנגלעך ש פּ י ל ן אין סאָלדאַטן,
באַגלייט מיט פייערלעכער מאַרשמוזיק.

ס׳פאַרשאָטנט קוים דער זייד פון וואָנסעפּוך
די מילך פון מאַמעס ברוסטן אויף די ליפּן;
אַן ערנסט־מאַסקע — אויף געזיכטער אָנגעצויגן
מיט צו דער ווייט פאַרשטייפטע אויגן,
די בליקן — פונקען אויסבאַהאַלטן אונטער שטויבנאַש.
די יינגלעך ש פּ י ל ן אין סאָלדאַטן,
באַגלייט מיט פייערלעכער מאַרשמוזיק.

און לויט אַן אָנשטעל־ש פּ י ל באַפעל
מע מעסט געהיט
די ערד מיט טריט
פון גראָבע לעדער־שיך מיט האַרטע זוילן;
סע קלאַפּט מיט טאַקט דער טראָט
און שטעפּט די שטיינדלערד מיט גרויע לעדערשנורן;
כּע טענצלען־אונטער, לויטן ש פּ י ל באַפעל, די פיס
און בלייבן אויפן אָרט פאַרגליווערט שטיין,
ווי נישט פון פלייש און ביין,
נאָר ווי פון שטיין.
די ייִנגלעך ש פּ י ל ן אין סאָלדאַטן,
באַגלייט מיט פייערלעכן שווייגן פון מוזיק.

און ווידער פאַלט אַ ש פּ י ל באַפעל, —
אַ כאַפּ אַראָפּ די ביקס אויף אָרעם,
זי אויסגעשטרעקט און אָנגעצילט
אַקעגן עמעצן אַ פיינט,
אַ נישט געזעענעם, אַהינטער האָריזאָנט,
וואָס אויך, ווי זיי,
זיך ש פּ י ל ט
אין אַ מלחמה־ש פּ י ל,
באַגלייט פון פייערלעכער קאַמפסמוזיק.

אַ ש פּ י ל באַפעל, און — טראַך!
טראַך־טראַך! טראַך־טראַך! —

די יינגלעך ש פּ י ל ן אַ מלחמה־ש פּ י ל,
באַגלייט פון פייערלעכער קאַמפּסמוזיק.

נאָר הינטער מאַסקע נישט נאָר איינער,
פאַרהוילן אונטער שאַרבן,
ווי אַ דערוואַקסענער, שוין טראַכט:
„מיר ש פּ י ל ן,
און איבער אונדז מיט שטראַלן שפּילט די זון,
נאָר... וואָס וועט זיין דער סוף דערפון? —
אַ חתונה — אַ שלאַכט
מיט פייער, רויך און בלוט,
פחדנות, אימה, מוט
און הייליק פילן:
„ס'איז שיין און גוט
צו... פאַרן הימלאַנד... שטאַרבן,
אויב נישט פאַר דעם געלעבט...
און איבער אַלץ דער טייוול שוועבט
און לאַכט
זיין ווילד געלעכטער — —
און ווו
ביסט דו,
דו, גאָט גערעכטער?!" — —

די יינגלעך ש פּ י ל ן אַ מלחמה־ש פּ י ל,
באַגלייט פון פייערלעכער קאַמפּמוזיק.

גבעתיים, נאָוועמבער, 1966

כסלו ערב טבת

אַ גרויער הימל הענגט איצט אויף מיין לאַנד,
הילט גרויע טאָגשיין איין פון ראַנד צו ראַנד.
ווי ס'וואָלט די זון פאַרשלאָפן זיך אין רוים
און זיך אַליין זעט גרוי אין גרויען טרוים.

און דאָך ווי פול ס'איז מיין געמיט מיט שיין!
זי שפּאַרט פון האַרץ אין מיין געזיכט אַריין
און שמייכלט צו אַיעדן קינד אין גאַס.
איך ווייס: די גרויע טאָגשיין איז אַ שפּאַס

פון חודש כסלו ערב טבת, און
דעם שפּאַס מיט לאַנד און מענטש טרייבט אויך די זון.
דער עיקר: אויך אין גרויקייט פון מיין לאַנד
די שיין אַריבערשוימט מיין האַרצנס ראַנד.

די גרויקייט וועט צערינען; אויב נישט היינט,
איז מאָרגן; און די זון וועט העל־צעשיינט
פון לויטערבלוי אַ רעד טאָן מיט געלאַך,
מיט מזל־פרייד און שטראַלנגאָלדן־שפּראַך:

„כ׳בין נישט פאַרשלאָפן, אינעם גרוי פאַרטרוימט, —
געווען, ווי תמיד, שטראַליק־אויפגערוימט;
פון איבער וואָלקנס כ׳האָב אויף אייך געוואַכט
און ליכט־מחשבות וועגן אייך געטראַכט...“

גבעתיים, דעצעמבער, 1966

אין פאַרפלייץ פון נחל־שיקמה

מיין בן־יחיד אין צה״ל.

„...אויף זיין העליקאָפּטער האָט סגן מיכאל
אַרויסגעראַטעוועט זעכצן זעלנער פון אַכצן“.
פרעסע

סגן מיכאל האָט פאַרקערט זיך אין אַן אָדלער,
אַן אויסטערלישער אָדלער, וואָס פאַרצוקט נישט:
פאַרקערט, ער ראַטעוועט פון טויט־סכנות —
זיין שטאָלצער קאָפּ פאַר קיין געפאַר זיך בוקט נישט.

פון נחל־שיקמה האָט ער זעכצן זעלנער
פון מבולדיקן פלייץ אַרויסגעטראָגן, —
אַ לויב אים! און אַ ברכה פאַר זיין מאַמען,
וואָס האָט אַ זון אַזעלכן אויסגעטראָגן —

פאַר אונדזער בראַווער יוגנט ווי אַ מוסטער!
ער האָט געבראַכט אונדז זעכצן עולים נייע
פון יענער וועלט, מיט זיי זיך הייס צו פרייען,
שטאָט גיין נאָך זייער גרויליקער לוויה.

אוי, יורדים, ווו איר זאָלט זיך נישט געפינען,
און דאָרט דאָס פּנים פּונעם לאַנד פאַרשוואַרצן,
געבויגן, לאָזט אַראָפּ די קעפּ פאַר בושה
און קלאַפּט זיך זיבן מאָל על־חטא אין האַרצן.

אָקעגן אונדזער אָדלער, דעם סגן מיכאל,
זעט־אויס איר — גרויע קראַקענדיקע ראָבן,
וואָס שטעלן זיך אויף רוקנס פון חזירים,
מיט זייער פּעטן אַוויר זיך צו לאָבן.

צו אייערע פּאַראַייזט־אומטרייע הערצער
דערגרייכן זאָלן זיינע אָדלערישע בליקן
און ווי מיט זוניק־שטראַלנדיקע שנאָבלען
נישט אויפהערן אין זיי מיט מאָנונג פּיקן:

„קערט אום זיך, שוועסטער, ברידער. ס'וועט דאָס היימלאַנד
אייך ליב מקבל־פּנים זיין. די טויען
פון הימל וועלן לעשן אייער פּנים,
וואָס האָט זיך אָנגעצונדן פון בזיון.

„און ס'וועלן אויך ביי אייך זיך מערן דורות
מיט לייבנהערצער און מיט אָדלערבליקן,
צו מאַכן אייער אומטרייהייט פאַרגעסן,
איר זאָלט אין זיי געפינען זיך דעם תיקון...” —

סגן מיכאל האָט פאַרקערט זיך אין אַן אָדלער,
צו פליִען אין געפאַר אין לאַנדס שליחות, —
צי שטאַמט ער פון די לייבישע מכבים?
צי הייבט זיך אָן פון אים אַ נייער יִחוס?...

גבעתיים, דעצעמבער, 1966

צווישן רעגנס און רעגנבויגנס

עם־שמש השכימו להרים —
ומצאתם הזהב הטוב והכתם.
ח. נ. ביאַליק (עם־שמש)

ווען ס'גייט אויף די זון, צו די בערג גייט שפּאַצירן —
דער וועג וועט צו גאָלד און צו גינגאָלד אייך פירן.

די זון באַווייזט זיך אויפן מזרחדיקן ראַנד
און שטראַלט: „גוט מאָרגן, אויסגעצוואָגן לאַנד!”

דער מערבדיקער ראַנד, דער זון אַנטקעגן,
שוין נאָך און פּאַר אַ פליייצנדיקן רעגן, —
מיט גרויע, שוואַרצע כמאַרעס איז באַקליידט ער
און מיט אַ כישופדיקן רעגנבויגן —
פאַר איר, דער מלכּה, אַ געוועלבטער טויער,
זי אויפצונעמען מיט טריומף אַ גרייטער...

ווי לוסטיק שיינט זי! ווי זי בלענדט די אויגן!
פאַר וואָס זשע הער איך נישט די פייגל זינגען?
ווי שטום פון שרעק, פאַרזינקען טיף אין טרויער...

איז כאַטש די זון מיט העלער פרייד באַשטראַלט מיך,
אַ כמאַרעדיקע אימה שוואַרץ באַפאַלט מיך:
די כמאַרעס וועלן זי, אוי־ווי, פאַרשלינגען.
און אָט האָט ער פאַרטאָפּלט זיך, דער רעגנבויגן,
און יעדער איינער רייסט מיר אויף די אויגן,
און ס׳האָט געשטאַרקט זיך, זיך פאַרטאָפּלט די געפאַר.
איך הייב אָן צאַפּלען: „מלכּה, די קאָלירן,
זיי זענען צביעות, מיינען — דיך פאַרפירן.
זאָלסט העכער נישט אַרויפגיין. בלייב שטיין שטאַר!"

נאָר זע! די מלכותדיק צעשטראַלטע דאַמע,
זי שמייכלט צו מיר צערטלעך, ווי אַ מאַמע:
„ווער ס׳וואָרנט מיך פאַר דער געפאַר פון כמאַרעס,
זיין האַרץ איז איידל, נאָר זיין קאָפּ אַ נאַר איז.
ווייל איך, אין גאַנג, אַריבער זיי שפּאַן־איבער,
און בלויז די שלעפּע פון מיין קלייד, מיין ליבער,
מיט שימער זיי פון הימלבלוי פאַרווישט,
און ס׳בלייבט פון זיי אַ גאָרנישט מיט אַ נישט,
און ווידער נעמען פייגל צו מיין גאַנג
די לופט אין פעלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג".

גבעתיים, יאַנואַר, 1967

צאַברעקוסטעס אין מיין לאַנד

וואָר אין ווערן

ח"י שורות
צום ח"י יום־העצמאות

מיין פאָלק,
מיין לאַנד —
דו וואָר אין ווערן,
אַן אויסגעבאָדענע אין שאַנד
און ימען טרערן,
וואָס גייסטו ווערן?

איך קוק דיר נאָך מיט שרעק און צאַפּל:
וואָס וואָרט דיין ווערן?
דיין צאַברע־דור,
דיין אויגס שוואַרצאַפּל,
איז אַלץ נאָך בלינד
און ווי אַ קינד
לויפט נאָך די שפּילראָד פון באַגערן,
און וואַקסט פון תאוות אַ געפלאָגטער, —

צי וועט פון אים געפורעמט ווערן
דעם נביאס צוגעזאָגטער
פאַר־פעלקער־לייכטנדיקער שטערן?...

גבעתיים, מאַי, 1965

אי פרייד, אי טרויער

„המערת פריצים היה הבית הזה״
(ירמיהו, ז, יא) —
איז אַ הייל פון רויבער דאָס דאָזיקע הויז?

אי פרייד, אי טרויער מיך געאָרעמט פירן,
אוןביידע ווילן האָבן מיך פאַר זיך דורכויס.
— קוק אָן! מיט הייזער וויסטעס זיך באַצירן,
פון זאַמד און פעלדזן גערטנער גרינען אויס! —

אַזוי די פרייד מיר שעפּטשעט אינעם אויער,
און ס'האַרץ דעם אויסבראָך פון אַ גייעם קוואַל דערשפּירט.
נאָר באַלד אין צווייטן רוימט מיר איין דער טרויער:
— אַ פאַלשער, זיסער שמייכל דיך פאַרפירט;

באַטראַכט: נאָך וואָס די מענטשן שטרעבן, לויפן,
ווי גיריק — רק געווינען, און — אויף יעדן אופן...
דאָס לאַנד איז דאָך „אַ הייל פון רויבער״, וויי! — —

צעפינקלט זיך אָן אויג מיינס, ווי אַ שטערן,
און ס'צווייטע שימערט מיטן גלאַנץ פון טרערן,
און ס'האַרץ... צערייסט זיך מיר אויף צוויי.

גבעתיים, מערץ, 1962

צו געוויסע בירגער

איר ווייסט נאָר: זאָרגן פאַרן אייגן הויז,
ס'אָל גרעסער זיין, פאַרצירטער און באַקוועמער;
אָ, כאָטש איר זענט פון גלות שוין אַרויס,
פאַרבליבן זענט איר דאָ די זעלבע קרעמער.

וואָס גייט אייך אָן דאָס לייִדנדיקע לאַנד,
וואָס פאָדערט אַ לץ, כדי ס'אָל אייגנס בלייבן!
איר האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, ווי אין אַ פויסט — די האַנט,
און טוט פון זיך אַליין בלויז נחת קלייבן.

ס'איז דאָ אין אייך דאָס אַלץ, וואָס אין דער קאָרט,
די קינדער אייערע איר שעכט־דערשעכט־נישט... — —
אוי־ווי! סע גליט נישט אויף מיין ליפּ דאָס וואָרט
פון נביא, — אייך צו שטראָפן כ'האָב קיין רעכט נישט.

איז קוק איך נאָך מיט ווי אייך און מיט שרעק:
אויף דער פאַפּירבריק גייט איר דאָך שפּאַצירן,
ווען ווייט נאָך איז צו זיכערקייט דער וועג, —
וווהין וועט אייער בלינדעניש דערפירן?!

איך קוק אייך נאָך מיט שרעק, געמישט מיט פרייד,
און קעגן אייער איז מיין האַרץ צעגליט זיך...
איז וואָס, אַז אייער בלוט פאַרגליווערט שטייט?
דאָס לאַנד — אַלץ מער צעוואָרצלט און צעבליט זיך!

גבעתיים, יולי, 1963

קאָרטנשפּילער

זיי זינקען הייס־פאַרטיפט אין קאָרטנשפּילן;
ס'פּאַקט איבער זיי דעם טייוולס שוואַרצע פאָן;
דאָס בלוט יוירט־אָן מיט סם אין די געפילן,
און יעדער שטאַרבט צו אויסנעמען דעם קאָן.

די בירגערפליכט, די היים און קינד פאַרגעסן,
דאָס רויע האַרץ אין ווילדפּלייש זיך פאַרקערט,
שווילט־אָן מיט גלי; זיי שפּילן ווי באַזעסן,
און קיינער הערט נישט, וואָס דער אויער הערט —

דעם טייוולס שפּאָט: „איר לעבט... איר שטאַרבט... אין טעות,
בעת איר דאַכט: איר הרגעט בלויז די צייט
אין הפקרדיקן רייץ פון שפּיל אין מעות, —
מיט יעדן קאָן אַ זעלבסטמאָרד איר באַנייט".

ער נעמט אַ קאָרט, שפּילט־מיט מיט זיי צוזאַמען:
„כ'שטעל געגרן אייך אין קאָן מיין שוואַרצע פאָן!"

נאָר זיי, פאַרבלענדטע פון די תאווה־פלאַמען,
קיין איינער זעט עס נישט, אין מאָרד פאַרטאָן.

גייט אויס די נאַכט אין גסיסהדיקן פיבער
און שליסט די אויגן קעגן מאָרגנרויט;
אַ זונשטראַל ציטערט דין אַהער אַריבער
און זעט: די קאָרטנשפּילער זיצן טויט;

דער טייוול פּרעפּלט שמייכלענדיק אַ קללה
און טוט אַ דעק זיי איבער מיט זיין פאָן:
„תּכריכים שוואַרצע... ס׳קומט שוין די „עגלה״
צום אויסנעמען דעם לעצטן טויטן קאָן...״

גבעתיים. שבועות, תש״ד (1964)

צו אַ סאַברע אַ יונגער יולדת

איך הער דיין באָבען פון אַ מאַסן־קבר וויינען
(אויך פרעמד געבליין וויינט־מיט מיט איר געביין):
„האָסט, קינד, פאַרשעמט מיך, שטאָט מיך צו באַשיינען, —
כ׳בלייב ווייטער אָן אַ נאָמען, ווי אין פעלד אַ שטיין.

„ביים לעצטן צאַפּל, שוין צום טויט זיך אויסגעצויגן,
ווען ס׳טוט מיין שאַרבן אַ פאַרכלינע זיך מיט שוואַרץ,
איז, ווי אַ בליץ, דיין זכר פאַר מיין בליק געפלויגן,
האָט, ווי אַ פונק, זיך איינגעטוליעט אין מיין האַרץ:

— דיין אייניקל וועט אויפשטעלן דיין נאָמען
אין לאַנד אין הייליקן... ער זאָל דור־אויס, דור־איין
מיט פרייד און טרייסטונג שאַלן: „אויך דעם נייעם המן
איז נישט געראָטן, באָבע, אויסלעשן דיין שיין!...״ —

„נאָר דיר זעט אויס פראָסט־וואָכעדיק מיין גלות־נאָמען,
און טראַכסט זיך אויס אַ שבתדיקן — שפּאָגל־ניי; —
ווען האָסט דיין קינד געגאָמענט, האָט געפרייט זיך... המן,
ימח־שמו!... און איך האָב שטיל געוויינט דערביי...

„צי טאַטע־מאַמע האָבן דיך אַזוי דערצויגן —
זאָלסט אויסמעקן דעם „כבד" פון די צען געבאָט
צו זיידע־באָבע פונעם גלות, און די אויגן
אַוועקקערן פון זיי פאַרשעמט, מיט קאַלטן שפּאָט?...

„סע האָט דער טויט מיך אָנגעטאָן דאָס קלייד פון קדושה,
און פון גן־עדן אָפּן איז פאַר מיר די טיר,
נאָר דו — דערמאָנט מען דיר די באָבע, ווערסט פון בושה
מיט רויטס באַגאָסן! מיר זאָל זיין, מיין קינד, פאַר דיר..." —

איך הער דיין באָבען פון אַ מאַסן־קבר וויינען
(אויך פרעמד געביין מיט איר געביין וויינט־מיט);
און די גאולה, וואָס דעם גלות קומט באַקריינען,
אין שטויב, פאַרשעמט־פאַרשולדיקט, פאַר דעם גלות קניט...

גבעתיים. מאי, 1964

כ׳בין נישט קיין נביא

טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת (משלי, כז, ה) —
בעסער אַן אָפּענער פאָרוווּרף איידער פאַרבאָרגענע ליבשאַפט.

כ׳בין נישט קיין נביא, אויך קיין זון נישט פון קיין נביא,
און שטראָפן מיינע ברידער האָב איך נישט קיין רעכט;
נאָר צו מיין פאָלק ישראל זאָג איך: — אָבי, אָבי,
דו ביסט מיין האַר און מיין באַפעלער, איך — דיין קנעכט.

איז צייטנווייז דאָס קול מיין פאָלקס דערהער איך:
„מיין זון, שרייב אָן מיט בלוט פון האַרץ אַ וואָרט,
וואָס שטראָפט די אָפּגעקערטע פונעם גלייכן דרך
מיט פולע קלימעקעס מיט אַלץ וואָס אין דער קאָרט..."

— איז זויבער דען מיין פען? דאָס בלוט פון האַרצן מיינעם
איז פון אַ ווילדער פרי טמאדיקער זאַפט, —
הייב אָן איך מיטן קול אין זיך זיך אויסצוטענהן —
וועט ס׳וואָרט, מיט דעם געשריבן, האָבן דען אַ האַפט?

„מיש אויס דיין בלוט מיט דיינע הייסע תשובה־טרערן, —
מיר ענטפערט אָפּ דאָס קול מיט שטרענגקייט פון באַפעל —

און ס'וועט דיין בלוט געלייטערט און געהייליקט ווערן,
און ס'וועט דיין וואָרט צעלייכטן זיך צעשטערנט־העל".

גבעתיים. נאָוועמבער, 1964

נאָך נישט באַפרייטע קנעכט...

אַז וויפל ס'זאָל דאָס הימלאַנד אייך נישט געבן,
אַלץ גרימט עס אייך אין בויך און האָווקעט: „הב!" *
אַ פּעסל אָן אַ דנאָ איז אייער לעבן,
וואָס ווערט נישט קיין מאָל פול ביז „יש לי רב!" **

ווי שעמעוודיק איר זענט! ווי בתולות צאַרטע...
פאַר אייך איז אָרעמקייט אין לוקסוס — שאַנד;
איר פילט זיך, ווי אין תפיסה איינגעשפאַרטע —
ס'איז ווייניק לופט אייך אינעם פרייען לאַנד.

און ס'קריכן אייך אַרויס די זלידנע אויגן
צו ווייטע לענדער — ס'לאָקט די פאַלשע פרעמד!
אויף אייער וועג דער בוים, וואָס שטייט געבויגן,
אין אייך דעם אַלטן יידן קוים דערקענט...

און קאָרטשעט זיך אין ווייטיקן אין דרייען.
און מיט די צווייגן איבער אייך פאַרברעכט:
„פאַר וואָס אַנטלויפט איר פונעם לאַנד דעם פרייען,
אין זיך אַליין נאָך נישט באַפרייטע קנעכט?!" — —

און בלעטלעך פאַלן אָפּ פון אים, ווי טרערן:
„איך האָב געציבלט: — ס'האָט געשלאָגן שוין די שעה
פון דער גאולה! איך וועל שוואַנגער ווערן,
געבוירן פרוכט!... — און זע: זי איז נישטאָ!"

גבעתיים. נאָוועמבער, 1964

* גיב.
** איך האָב גענוג.

די פירער

די פירער פירן, פירן צו... פאַרפירן,
און יעדער פירער ווייזט אַן אַנדער וועג;
און נעמען זיי אין וועג זיך „טיטולירן",
הייבט אָן דאָס בלוט אין די געפירטע פרירן:
— וווהין?! — דערשראָקן טוען זיי אַ פרעג.

און ס׳צינדן אָן אין זיי זיך די געהירן
און טליִען־אויס אין גרויע שטויבן אַש, —
וווהין וועט אייער פירן אונדז דערפירן?
איר וועט דאָך אונדז אין מיטן וועג פאַרלירן,
צעטומלטע פון אייער וויסטן רעש!...

נאָר זיי, די פירערס, טוען זייערס — פירן,
די שטים דערגרייכט נישט זייער טעמפּ געהער;
מע טוט זיך קעגנזייטיק ליציטירן,
ווער מער רעכט האָט די שעפּסעלעך צו פירן
און זייער וואָל פאַרצערן מיט דער שער...

ווער קאָן, וואָס קאָן אַ פירערס האַרץ דען רירן?! —
אין זעלבסטפאַרגלייבטקייט איז ער בלינד־פאַרבלענדט,
ער טוט זיך אין זיין פּאַווע־גדלות צירן:
„נאָר איך! נאָר איך פאַרשטיי דאָס פאָלק צו פירן!"
און ווי אַ טייוולס סנה זיין גאווה ברענט...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1964

מיר זענען אלע...

מיר זענען, אַלע שבטים, פון דעם זעלבן יִחוס:
אַברהמס בלוט. קוקט אָן אין וואַגנס ראָד די ספּריכעס —
אין צענטער זיצן זיי צוזאַמען: יחדיו־ברידער!
אין אומקרייז — כאָטש דערווייטערט, דאָך נישט קידער־ווידער;
דערפאַר זיך דרייען פריילעך, אַחדותדיק די רעדער,
און ס׳פירט דער וואָגן איטלעכן — דעם רב און בעדער.
אוי־ווי! איר האָט אין גלות, ברידער, זיך פאַרלאָרן,
און דער גאולה־וואָגן וויל דערפאַר נישט פאָרן.

כל־זמן סע וועט נישט ווערן האָרץ מיט האַרץ פאַרבונדן,
וועט די גאולה נישט פאַרהיילן אייך די ווונדן.

גבעתיים, נאָוועמבער, 1964

א דיספוט

אהב את המוכיחך ושנא את המשבחך
(אבות דר״נ) —
האָב ליב דעם וואָס שטראָפט דיך
און האָס דעם וואָס לויבט דיך.

אויך פלעקן זע איך אויפן פּנים פון מיין לאַנד, —
ווערט רויט געפלעקט מיין פּנים, רויט פון ווי און שאַנד;
כ׳פאַרהויל עס נישט און זאָג אַרויס עס שאַרף און אָפן.
דערהערט — אַ צאַבּרע פילט זיך פון אַ בליץ געטראָפן,
און ס׳צינדט זיך אָן אין אים אַ צאַרנדיקער סנה:
— אַזוי־אָ רעדן וועגן אונדזער לאַנד! פע־פע!
דו וועסט זיך נאָך דערכעדן אַ מרגל ווערן!
דו זעסט נישט אויפן הימל אונדזערן די שטערן,
וואָס זינגען ליכטיקע געזאַנגען דורך די נעכט,
און נישט די קרוין, וואָס אונדזער זון פון שטראַלן פלעכט
אויף אונדזער קאָפּ, וואָס האָט פון גלות־יאָך באַפרייט זיך,
מיט יוגנטלעכע פרישע שוואַרצע האָר באַנייט זיך.
אַך, דו פאַרבליבן ביסט ביי דיינע ווייסע האָר,
ווייל וואַרצלסט נאָך אין גלות, זעסט נישט אונדזער וואָר.
דו זעסט נישט די צדיקים?... ענטפער בקול־רם. —

איך ענטפער שטיל: „צי זענען מיר, חלילה, סדום,
מיר זאָלן אויף צדיקים דאַרפן שוין זיך שטיצן?...״

ער האָרכט מיך נישט און זיינע אויגן פונקען שפּריצן:
— פאַרפירן וועלן דיך די רייד אויף וועגן קרומע,
און פון דער קדושה פונעם לאַנד — צו שוואַרצער טומאה.
פאַרבעלמעט זענען דיינע אויגן — דו ביסט בלינד!
צי, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: „אַ זקן — ווי אַ קינד״. —

אַזוי־אָ רייט ער אַלץ — אַ שלאַכטמאַן אינעם זאָטל;
ווי וויט איז שוין ער זאָל מיר זאָגן: „עובר־בטל!״?

כ׳באַוווּנדער: ווי ס׳איז שטאַרק זיין ליבשאַפט צו דעם לאַנד!
און... שטאַרקער פלעקט מיין פּנים זיך פון ווײ און שאַנד.
איך ווייס: וואָס מער כ׳וועל מ׳ען זיך אים איבערצייגן,
וועט מערער אַלץ זיין גל׳יענדיקע חוצפּה שטייגן.

„איז וואָס זשע, — פרעג איך ביי מיין שכל, — דאַרף איך טאָן?"
„נישט איינשטעלן דעם כבוד און דאָס האַרץ אין קאָן,
אויב ווייסט פאָרויס: סע איז פאַרשפּילט; דאָס קלוגסטע — שווייגן".

איך לאָז מיך פונעם גראַדן שכל איבערצייגן —
און שווייג... נאָר איצטער, אין מיין יונגן שעפערישן ברען,
כ׳פאַרשרייב מיין ענטפער אויף פּאַפּיר מיט טינט-און־פען:
ביי וועמען בלינדע ליבע האָט פאַרבלענדט די אויגן,
דער זעט נישט נאָכן מבול חוץ דעם רעגנבויגן...
און אומגערעכט ער ווערט, ביז קריצן מיט די ציין,
ביז וואַרפן אין דעם גאָרטן־שומרס קאָפּ אַ שטיין.
כ׳נעם אויף דאָס זידלוואָרט מ ר ג ל ווי אַ זכיה,
זינט אלי כהן האָט צעשטראַלט זיך אויף דער תליה
און אויסגעבלייכט אויף אייביק די מרגלימס שאַנד; —
אין אָפּשיין אירן כ׳זע די פלעקן פון מיין לאַנד,
און רוף אין נאָמען פונעם קדוש: פרייע ייִדן!
די גוטע מידה פון נישט־זיין־מיט־זיך־אַליין־צופרידן,
וואָס פירט אַ פאָלק צו שלמות, זעט — זי פעלט אונדז אויס;
אויך דאָס אַ נגע־פלעק איז אין ישראלס הויז —
אַ פלעק וואָס בלאָזט זיך שוואַרץ אויף ווייס: „כ׳בין גרויס!"...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1964

איר האָט געבעטן...

איר האָט געבעטן אַלע גלות־יאָרן:
„קבצנו יחד" — זאַמל אונדז צוזאַמען,
שוין נישט צו זיין פאַר פרעמדן אויג אַ דאָרן,
וואָס יעדעס צערט אים אויף מיט שנאה־פלאַמען; —

די שבטים זאָלן זיך צוזאַמענפאָרן,
ווי פאַרבן אינעם מבולס רעגנבויגן; —

ס׳זאָל טוישן זיך דאָס רויטס פון האַס און צאָרן
אויף בלויער מילדקייט אינעם הימלס אויגן, —
און אָט איז דאָס געבעט דערהערט געוואָרן:
ס׳האָט מעכטיק אויפגעשאַלט משיחס האָרן, —
פאַר וואָס זשע זיצט איר מיט געליימטע גלידער?!
און איר, וואָס זענט זיך שוין צונויפגעקומען,
פאַר וואָס זשע זיצט איר נישט אַרומגענומען
און קוקט זיך אָן, ווי ברידער־קידער־ווידער?...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1965

שוועסטער מיינע!

„טויזנט זעקס הונדערט יידישע פרויען
האָבן חתונה געהאַט פאַר נישט־יידן,
טייל זיך געשמדט".

פרעסע

שוועסטער מיינע!
(נאָך איצטער זענט איר מיינע שוועסטער)
איך טראָג אייך נישט קיין קללה אויף די ליפּן
און נישט אין מויל קיין טענה,
כאָטש אייער גאַנג אין אונדזער לאַנד
איז אונדזער העכסטע שאַנד,
דער צער דער גרעסטער,
וואָס ווי אַ מעסערשפּיץ פאַרשטאָכן איז אונדז אין די ריפּן; —
חלילה!
כ׳האָב ווייטער ברידערלעך אייך ליב געדולדיק:
ווער ווייסט, צי זענען אויך נישט מיר דערינען שולדיק?...
מיין האַרץ זיך שמעלצט פאַר אייך אין תפילה.
איך פרעג אייך בלויז דורך שטום געוויין,
ווי זיך אַליין:
„באַשיידן אונדז דאָס רעטעניש ווער קאָן?
אַז ווי האָט דאָס געקאָנט געשען, —
איך פרעג און מאָן, —
איר זאָלט פאַרלאָזן און פאַראַטן
דאָס פרומע הויז פון יעקב אונדזער טאַטן?
פאַרגעסן אייער קינדהייט, גלייך ווי נישט געווען?
דער מאַמעס מילך, וואָס איז זיך זיס
נאָך יעדן זייגנדיקן נאָג און ביס

צעגאַנגען וואַרעם אין די גלידער ?
דעם האָניק פון איר קוש און די פאַרוויגנדיקע לידער ?
צי איז דאָס ווייסע ציגעלע
פון אונטער אייער וויגעלע
שוין דאַן געלאָפן האַנדלען
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען
אין פרעמדע גערטענער, וואָס גרינען שנאה־שוימען,
מיט בילנדיקע הינט פון דער זייט דערנערצוימען ?...
אַז ווי צו אונדז און ווי צו אייך איז, שוועסטער,
וואָס אויף דעם שוואַרצן הוליעניש פון שונא,
פון שונאים אַלערליי — סיי שוואַרצע און סיי ברוינע —
שפילט־שפילט איר מיט
אין אַשמדאַיס אָרקעסטער
דאָס ליד
פון אונדזער חורבן־שניט !...

גבעתיים, מערץ, 1965

אונדזער זון

ווייזט אויס : צוליב איר זעטיקייט אין יאָרן
האָט אונדזער זון פאַרלוירן דעם זכרון —
דעם בייזן נעכטן איבער נאַכט פאַרגעסן,
אַז ס׳איז דער מענטש פון רשעות דורכגעפרעסן ;
גאַנץ פרי איז זי אַ מילדע און אַ צאַרטע
און גלעט די וועלט, ווי זי אַן אָפּגענאַרטע...
דער מענטש, דערוואַכט ערשט, האָט נאָך נישט באַוויזן
דערשפּאַנען אין זיין בלינדער בייזקייט ביזן
פאַראַווירן די לופט מיט בלוט־געשטאַנקען
פון רויב־געפילן און פון מאָרד־געדאַנקען, —
צעשמייכלט איצטער מיט די שטראַלן גלעט זי.

נאָר ווי זי שטייגט אַלץ העכערער, דערזעט זי
אַלץ מער דעם מענטשנס פילן און זיין טראַכטן, —
און הייבט אים אָן צו האַסן און פאַראַכטן ;
דער מענטש מיט זיינע טועכצן פאַרשעמט זי, —
פלאַם־פייערדיק פון צאָרן גליִען נעמט זי
און שטעכט די פּראָים מיט די שפּיזן־שטראַלן,
ביז אין אַ טייך פון בלוט חלשות־פאַלן.

גבעתיים, אויגוסט, 1965

מאָנאָלאָג פון אַ „בן-טובים״ אין שפּיטאָל

„בטלה אם כל חטאת״ (פתגם סופרים) —
ליידיקגייעריי איז די מוטער פון אַלע זינד.

...איך לעב! און ס׳איז נאָך פרי
פאַר מיר אַן עפּיטאַפיע;
נאָך שטייט אין מיטן גלי
מיין הייסע ביאָגראַפיע:

סע איז מיר פוסט אין קאָפּ
און לער אויף דער נשמה;
איך פאַל ביי זיך אַראָפּ —
כאָטש זינק אין דער אדמה!

איך בין אַ פּאַראַדאָקס:
בין פ ו ל מיט הוילע לערקייט,
און פ י ל ווי ס׳וואָלט אַן אָקס
געדריקט אויף מיר זיין שווערקייט.

איז וואָס זשע קאָן איך טאָן,
פון פיין זיך צו באַפרייען?
איך נעם און פיל זיך אָן
מיט פרעס, איך פרעס פאַר דרייען.

איך זויף, און פרעס, און שפּיל
אין קאָרטן ביז חלשות, —
ערשט דעמלט איך דערפיל:
מיין לעבן האָט ממשות!

אין קאָפּ איז מער נישט לער:
סע זשומען אינעם זינען
מחשבות, אַזש איך הער:
אַ שוואַרעם ווילדע בינען.

אַט טוט אַ זשום אַ בין:
„דו ביסט בעטאָן־און־אייזן!
גיי לקחן אַ מאַשין —
דערמיט דיין ספּריט באַווייזן״.

כ׳דערפיל אין זיך אַ שווונג:
ס׳אַ וואָזשנער משא־מתן!
און כיטרע טו אַ ווונק
צו חברה בראַווע יאַטן...

אַרום איז שטיל און שאַ,
און די מאַשין — זי בעט זיך...
ווי אונדזער „משטרה״*
זיך קראַצן, קראַצן וועט זיך!

און שוין!... מיר פליען ווילד
פון פאַרגעניגן וועגן,
דאָס בלוט — צעברויזט־צעשפּילט,
מיט אומוועגן און וועגן.

איך בין „מאַבסוט״.** ווי וויל!
ווי אַלץ איז עולה־יפה!
און פּלוצעם... גוואַלד! אַ גרויל! -
מע פאַלט צו קאַטאַסטראָפע — —

איצט רו איך אין שפּיטאָל.
אויף דער נשמה לער איז...
סע איז אַ יאַמערטאָל
דאָס וועלטל אַן עבירות...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1965

---

* פּאָליציי.
** באַפרידיקט.

צו איינעם אַ צאַברע...

סע פלאַמט מיר נאָך דאָס פּנים פון בזיון
און ס׳האַרץ פון ווייטיק. טונקלע טרערן טריפן
אויף דעם פּאַפּיר און, מיטן טינט פאַרמישטע,
צעפליסן זיך אין שווינדלפלעקן — ווונדן.

אין מיין געהער די לעסטערווערטער דיינע,
ווי ווערעם, גליטשן זיך צו מיר אין מוח,
וואָס שרימפּט זיך קעגן זיי אין שרעק פון עקל.
גרין־גיפטיק שוימט דיין שפּאָט אין כוס — מיין האַרצן,
פאַרוואַנדלענדיק זיין רויטן וויין אין עסיק.

דו האָסט ישראל־סבאס גרייזע לאָקן
מיט גרויען שטויב באַשאָטן און באַשפּיגן.

„דאָס גלות־פאָלק, — האָסט אָפּגעלעצט פאַרריסן, —
האָט נבזהדיק געשטרעקט דעם האַלדז צו שחיטה,
געמאַכט אַליין די ברכה פאַרן שוחט —
דעם נאַצי, וואָס האָט אים געלאַכט אין פּנים —
צוליב דער איינגעלערנטער פּחדנות
אין משך פון יאָרהונדערטער אין גלות.

„און אויך דערפון — זיין רחמימדיקע צדקות:
אַ פאָלק, וואָס זיינע רוצחים ציילט אויף פינגער...

„ערשט ה י י נ ט איז עס אַ פאָלק אַ גלייכס צו לייטן,
מיט אויסגעגלייכטן רוקן; איז נאַטירלעך
די צאָל פון זיינע רוצחים... ס׳איז קיין שאַנד נישט“.

(אוי, זאָגט מיר, שטומע ווענט פון צימער:
פון וואַנען האָט זיך עס אַ ז אַ מ י ן זריעה
אין אונדזער אויסגעווייינטער ערד דערנומען?
ווי טראָגט זי אין איר שויס, דעם גאָטגעבענטשטן,
און שפּייט זי נישט אַרויס פון זיך, די טומאה?!).
אַז אַך־און־ווי איז צו דיין פאָטערס לענדן,
וואָס האָבן דיך אַ ז אַ געמאַכט געבוירן!

און ווינד־און־ווי איז צו דער טראַכט דיין מוטערס,
וואָס האָט דיך ווי אַן אויסגאָס נישט פאַרלוירן!

אוי, צאַברע, צאַברע! ביסטו כאָטש בלויז איינער
אַזעלכער?... כ׳וואָלט דערין אַ טרייסט געפינען
און אָפּגעריכט פאַר דיר אַ תפילה:
דו זאָלסט אין זיך דעם ייִדן אָפּגעפינען —
דעם גלות־ייִד, וואָס אונטער דערנעריאַכן
האָט איינגעהיט זיין ליכט, דעם גייסט פון גבורה
און — כאָטש געבויגן, אָבער נישט געבראָכן —
אַדורכגעטראָגן זיי דורך ווילדסטן שטורעם.

גבעתיים, יאַנואַר, 1966

משיחס דור?

אין בן דוד באָ אלא בדור שכולו
זכאי או כולו חייב (סנהדרין, צח:) —
משיח וועט קומען נאָר צון אַ דור,
וואָס איז אין גאַנצן אומשולדיק,
אָדער אין גאַנצן שולדיק.

מיר האָבן אויסגעראָמט פון לאַנד שוין די שאַקאַלן
מיט זייער קינדעריאָמער דורך די נעכט,
נאָר אויפגעהאָדעוועט שטאָט זיי... וואַנדאַלן —
אַ יונגוואַרג, וואָס וואַנדאַלעוועט און ברעכט.

ווי די „שועלים קטנים״* פונעם שיר־השירים,
בפרהסיה אינעם סאַמע האַרץ פון שטאָט.
דעם ווידערשפעניק־פרעכן דור, דאָס האָבן מיר אים
אַזוי דערצויגן, אונדזער שאַנד־און־שפּאָט.

צי מיינען מיר, דערמיט דעם גואל־צדק צווינגען
צו קומען: „כולו חייב איז דער דור״?!
ווי שעמען מיר זיך נישט דאָס פאַלשע לידל זינגען:
מיר וועלן ווערן אַ „לגויים אור״?!**

גבעתיים, יאַנואַר, 1966

* קליינע פיקסלעך.
** ליכט פאַר פעלקער.

מ ע ב ל

.1

דאָס אַלטע מעבל האָט געדינט זיי ערלעך־טריי
און וויל נאָך לאַנגע יאָרן דינען גערן.
די יונגע ווירטין אָבער ווערט שיר־שיר פאַרביי,
ווען נאָר זי קוקט דערויף: ס׳איז נישט מאָדערן.

פאַר א י ם, דעם אַלטן נאַר, אָ וודאי פּאַסט עס גוט,
נאָר קאָן עס מיט איר יונגשאַפט הארמאָנירן?
ס׳רויבט צו ביי איר דעם לעבנסלוסט, דעם יונגן מוט,
און ס׳טוט איר, ווי דער בטלן, דענערווירן...

ביז איין מאָל מאַכט זי האַרץ זיך, טוישט עס אויס אויף נייס,
דאָס אַלטע שליידערט מען אַראָפּ אין קעלער.
— נו, אַדרבה, זאָג, צי כ׳האָב געמאַכט אַ גרייז?
די שטוב זעט אויס דאָך ליכטיקער און העלער! —

אַזוי־אַ טענהט זי, זיך בלאָזנדיק, צום מאַן.
און ער איר ענטפערט מיט אַ י ו נ ג ן שמייכל:
„יאָ... האָסט געטאָן אין לעבן אַ מאָדערנעם שפּאַן,
ס׳איז צו באַוווּנדערן דיין אַ ל ט ן שכל...“

און, שפּאָטנדיק, דערטראַכט אין האַרץ צו זיך אַליין:
„...אַ משל איז דאָס מעבל אינעם קעלער:
דיין קבר וואַרט שוין, דאַרפסט פאַרנעמען זיך און גיין,
וועט ווערן דאָ נאָך ליכטיקער און העלער...

„אָ, ניין! דיין מעבל פון דער מאָדע וועט אַרויס,
כדי צו ווערן פון דיר פּטור, סנאָבין...
און איך וועל אַלץ נאָך וואָרצלען דאָ אין הויז, —
מיין קבר — ווער, חוץ דיר, אים וויל דען גראָבן?“

.2

פאַר נאַכט. אין שטוב איז שטיל. ער איז אַליין.
צי זאָל ער מאַכן ליכטיק? גלייכער — ניין:
דער בין־השמשות איז דאָך פול מיט סוד, —
אַנטבלויזן אים, באמת, איז אַ שאָד.

ער לייגט זיך אויף דער נייער סאָפע צו
און גלייכט זיך אויס די ביינער... רו.
די שטילקייט זאַפּט זיך ווייך אין אים אַריין,
ווי אַ פאַרשיכורנדיק־זיסער ווײַן,
און, דרימלענדיק, ער הערט, אַ מאָדנע שטים
אים שעפּטשעט שטיל פון ערגעץ אַרום אים:

„דו בלאָזט אויף אונדז זיך, ליבער באַלעבאָס,
אין בענקשאַפט נאָכן אַלטן מעבל, וואָס
איז איינגעבאַקן דיר פון יאָרן טיף
אין האַרצן, ווי אַ שוין פאַרגעלטער בריוו,
פון וועלכן נישט־פאַרוועלקטע פריינטשאַפט שיינט
איר ליכט אין דעם געמיט אַריין ביז היינט...
נאָר ליבער, ליידנדיקער באַלעבאָס,
צי זענען מיר דען שולדיק, וואָס
דיין פּלוניתטע — אַן אויסגעפּוילטער נוס —
אַ להוטע נאָך פּוסטן לויב־גענוס,
האָט דיינע פריינט פון שטוב אַרויס געשמיצט,
ווען, אומבאַהאָלפן, האָסט זיי נישט באַשיצט?"

— איר זענט גערעכט. — צעפּירט ער בריית די הענט,
און אויף זיין „זי" זיין צאָרן זיך צעברענט
נאָך שטאַרקער; פונקען פּליִען פון זיין לייב;
גאָר כאַטש די סאָפע איז דאָך נישט דאָס ווייב,
די פּליִענדיקע צאָרנפונקען, שטאָט
צו פאַלן אויף דער סנאָבין, פאַלן גראָד
אויף איר, דער סאָפע, נעבעך... און זי ברענט!
און ער, דער סנאָבינס קרבן, ווערט פאַרלענדט...

— געוואַלד! געוואַלד! סע פלאַקערט שוין מיין קאָפּ!

— וואָס רעוועסטו?... פון סאָפע שוין אַראָפּ!
ס׳קאָן עמעץ מיינען, גאָט באַהיט, סע ברענט...
וואָס גלאָצסטו עס אויף מיר? ס׳טמיך נישט דערקענט?

— דערקענט... אַזוי פיל ליכט... ס׳אַ גרוילע שיין...
ווי גלייך... אַ שריפה וואָלט מיט דיר אַריין — —

גבעתיים, מערץ—אַפּריל, 1966

צון אַ קיבוצניק — אַ יורד אין שטאָט אַריין

דער שלאַנגענבליק דער שטאָטס ביי טאָג האָט דיך פאַרכישופט,
די אָוונט־ליכטער אירע האָבן דיך פאַרבלענדט, —
צי האָסטו זיך געראַנגלט? ווייפול זיך געיִשובט?
די לעצטע שורה: האָסט צון איר דיין האַרץ געווענדט.

פאַרלאָזט דיין שיינע נעסט די וואַרעמע; פאַראַטן
דיין קינדהייט און דיין יוגנט, און דיין גאַרע מי:
די אידעאַלן פון דיין מאַמען און דיין טאַטן
אַוועקגעבלאָזן האָט, ווי אַש, דיין ווילדער פלי.

און כאָטש דעם הײמלאַנד ביסטו הייס געטריי געבליבן,
און גרייט דאָס לעבן פאַר דעם שטרעקן אויך נאָך איצט,
דו האָסט זיך פאַר אַ יורד אין זיין האַרץ פאַרשריבן,
ווייל זיין דערגרייכונג גאַר די הייליקסטע פאַרשמיצט.

פאַרשמיצט די שטילקייט דאָרפישע און זיך פאַרטראָגן
אויף דעם צעשפּילטן שטאָטישן הו־האַ־יאַריד. — —
אויך מיר טוט ווי פאַר דיר דאָס האַרץ. צי הערסטו ס׳קלאָגן
פון ציטער־סטרונעס אין מיין אויסגעווייטיקט ליד?

גבעתיים, אַפּריל, 1966

איר לייט, ווי צווייגן אָפּגעהאַקטע פון די שטאַמען

אויפן פרישן קבר פון נחמן מייזיל ז״ל

איר שעמט זיך, יאָ, נישט נאָר מיט ייִדיש, מיט דער שפּראַך
דער הייליק־אויסגעלייטערטער אין בלוט און פלאַמען,
נאָר אויך מיט דער וואָס פלאַמט אַרויס פון דעם תנ״ך, —
איר לייט, ווי צווייגן אָפּגעהאַקטע פון די שטאַמען.

„זיי רעדן לשון־קודש“, — חוזקט איינער אָפּ,
אַ שמייכל, ווי אַ וואָרעם, דרייט זיך אַרום מויל אים, —
„מליצה, פּסוקים... נעם דעם אויער און פאַרשטאָפּ,
כל־זמן ער פּלאַפּלט מיט די לעפּצן אָט דער גולם“.

„צי וועט אַ צאַברע, — שפּעט אַ צוויטער, — אים פאַרשטיין,
דעם מינדסטן חשק האָבן אים גאָר אויסצוהערן?
דער צאַברע ליבט זיין לשון וואָס איז לייכט און שיין, —
צוליב אַ פּסוק זאָל ער קנייטשן זיך דעם שטערן?״ — —

יאָ, יידיש איז אַ שאַנד אייך, לשון־קודש — אויך:
צוויי אָפּגעלעבטע שוועסטער פאַר אַ מושב־זקנות;
צעעפענען די פענצטער! טרייבן זאָל דעם רויך
פון האַלאָוועשקעס פרישער ווינט, וואָס לויטער־ריין איז.

נאָר זעט, זיי גייען נישט אין מושב־זקנות, ניין!
כאָטש איר, אָן צער, מיט חוצפּה, זאָגט זיי אָפּ דאָס לעבן;
זיי פילן זיך נאָך יונג און מלא־יונגן־חן,
ווייל ס׳האָט דאָס פאָלק די בעסטע זאַפטן זיי געגעבן.

גראָד איר, די אָפּגעהאַקטע צווייגן, איר אַליין
וועט אָן די זאַפטן פונעם פאָלק פאַרוועלקן. פאַלן
פון אייך צום באָדן וועט דאָס בלעטערוואַרג, און גיין
וועט איבער דעם די שוועסטערפּאָר אין ליכטסאַנדאַלן.

גבעתיים, מוצאי־פּסח, תשכ״ו (1966)

צו אַ פּילוועלער אין ישראל

וואָס שטעקט זי
און וואָס שמעקט זי
צו דער בלום
דיין תאַווהדיקע נאָז
מיט אומצופרידענעם געברום?
איז ווייניק איר די ריינקייט
און די שיינקייט?
וואָס?!
ווער ס׳האָט זיין חשק נישט קיין מאָס,
באַגערט
און וויל
צו פיל, —
איז אויך דאָס ביסעלע נישט ווערט! —
נעם צו די נאָז!

גבעתיים, מאַי, 1966

צו אַ פריינט אַ יורד

אַפילו מי שיש לו זכות אָבות אינה
עומדה לו בשעה שיצא מארץ לחוצה־
לארץ. (ב״ב, צא.). —
אַפילו ווער ס׳פאַרמאָגט זכות־אָבות,
שטייט עס אים נישט ביי ווען ער
פאָרט אַרויס פון לאַנד אויסערן לאַנד.

אַ יורד איז ערגער ווי געשטאָרבן.
(פאָלקסשפּריכוואָרט מיט אַ ניצוץ־
נבואה)

אין דיר דער וואָגל האָט אַנטוויקלט לייכטע פיס
אָן וואָרצלען, נישט אַריינצוואָרצלען זיך אין באָדן;
דער גרינגסטער ווינט דיך טוט פון אָרט־אַרויס אַ ריס,
און שפּאַנסט אַוועק זיך, מיט דיין טאָרבע שווער באַלאָדן.
אין טאָרבע — ליידן אייגענע און פרעמדער גייסט,
געזאַמלטער אין משך דורות־לאַנגן גלות;
סע בייסן דיר די זוילן, קרעצגעבייס דיך בייסט,
און ווינט פאַרקערט אין וויסטע פליגל דיינע פאָלעס;

דו שפּאַנסט שוין נישט, נאָר פליסט אויף ברעכן רוק־און־לענד
און אויסציִען די לייכטע פיס אויף פרעמדן באָדן.
אומזיסט דאָס היימלאַנד שטרעקט דיר נאָך פאַרטרערטע הענט,
און בעט, און וואָרנט: „זע, בהמה! גייסט אין שאָדן.

„בהמה, לויפסט, כאָטש נישט געצויגן פאַר אַ שטריק,
און שפּירסט נישט פון דער וייט גערוך פון בלוט און בוינע.
דיין מוח מאָלט פאַר דיר אַ לופטבילד — גאָלד און גליק...
און זעסט זיך אין אַ טשערעדע ווי דו אַזוינע״.

„צוריק! ווער מענטש! — איך רוף צוזאַמען מיטן לאַנד. —
ווער גאַנצער ייִד!... מיר קוקן דערויף אויס געדולדיק
מיט האַרץ צעעפנטן, מיט אויסגעשטרעקטער האַנט
אויף שלום און אויף נישט־דערמאָנען אַז ביסט שולדיק,

„ווייל דיינע פיס־אָן־וואָרצלען זענען פויגלפריי
פון יעדער פליכט צו אייגן פאָלק־און־לאַנד, — הפקרות!

ביגוואַלד פאַרפלאָנצט זיי, אַז זיי זאָלן פון דאָס ניי
פאַרוואָרצלען זיך, וויביימער... דעמלט וואַרט אויף פּירות.

גבעתיים, מאַי, 1966

איך מאָן אַליין ביי זיך

אויב אין ישראל וועט נישט זיין
דער באַרג סיני, וועט עס נישט
זיין קיין ארץ־ישראל.
י. נ. שטיינבערג

כ׳האָב, ברידער אָרעמע, אין אייך פאַרגעסן,
פאַרשפּילט מיט צוויט און בלום פון אונדזער לאַנד,
אַז איר, פאַרשמאַכטע, חלומט אַלץ פון עסן,
געפרעסענע פון שפּלותדיקער שאַנד.

ס׳איז אונדזער לאַנד אַ רייכס נישט נאָר אין בלומען,
ס׳פאַרמאָגט אויך דערנער גאָר אַ היפּשע צאָל; —
ס׳האָט אייער ווי מיין אויער נישט פאַרנומען,
ס׳האָט אויך אים נישט דערגרייכט זיין ווידערקול.

ערשט איצט, אַ ניכטערער, איך האָב דערמאָנט זיך...
ווי בליצקע גליט די שאַנד אויף מיין געזיכט,
ווייל אויף מיין אייגנליבע שפּעט דערקאָנט זיך, —
איך מאָן אַליין ביי זיך: דערפיל דיין פליכט!

אַ צאַברע שפּרייט זיך אויף מיין האַרץ צעדאָרנט
און שטעכט מיין לייב און סמט מיין זאַטן גוף;
סע בריט מיר אייער קול, וואָס מאָנט צעצאָרנט:
הענג־אויף אין גאָס אַ בלוטפאָן — אונדזער רוף:

אין אומרעכט וועט דאָס לאַנד נישט לאַנג געדייען;
קיין שטיפזין טאָרן אין אַ היים נישט זיין;
מיר וואָרנען מיטן קלונג פון קייטנפּיין:
נישט הפקר איז די וועלט! יש דין! יש דין!

גבעתיים, מאַי, 1966

וואָראָנעס אין מיין לאַנד

בלויז ווייסע טויבן וואָרקלען אין מיין לאַנד?
ניין, אויך וואָראָנעס שוואַרצע קראַקען הער איך.
סע צינד מיין פּנים זיך פון שאַנד,
אין האַרץ דערציטערט ווער איך — — —

אין גאָרטן, אויפן גראָז דעם גרינעם,
דעם טויבקן און זיידנדינעם,
וואָראָנעס הין און צריק שפּאַצירן
און צווישן זיך אַ שמועס פירן:

— קיין מיקן פעלן נישט. דער מאָגן
איז פול. נישטאָ זיך וואָס צו קלאָגן.
„מע טאָר נישט, שוועסטערקע, פאַרגעסן —
אַ פויגל לעבט נישט נאָר פון עסן".

— וואָס פעלט דיר נאָך? כ'וואָלט וועלן וויסן.
„מיר גייט נישט איין דער זיסטער ביסן!
דאָס לאַנד מיר הייבט נישט אָן געפעלן:
נישטאָ דאָך ווו אַ פיסל שטעלן!
צי זעט מען דאָ אַ חזירס רוקן,
צו שטעלן זיך אויף אים זיך בוקן
און מיט אַ קראַ־מוזיק באַשענקען
די וועלט צו הערן און געדענקען?"

— ווי חי־געלעבט סע האָט געלעבט זיך
אין חזיר־לאַנד! „סע האָט געשוועבט זיך
שוין איין מאָל אַ מחיה־טייער!"

— דאָס היגע — ברענט עס אויפן פייער!
„און זאָל דער אַשמדאַי עס בענטשן" — — —

איך הער. מיר דאַכט: דאָס רעדן מענטשן,
כאָטש ס'גרילצט דאָס קראַקען מיר אין אויער.
מיין האַרץ פאַרגיסט זיך מיר מיט טרויער.

*

בײַ נאַכט, אין שלאָף, װאָראַנעס פּיקן מיר אין שאַרבן,
און זײער קול — אַ שנײדיק־גרילצנדיקס און טרוקנס:
דו פֿאַלשער מענטש! צי האָסטו זיך אויף אונדז דערקענט שוין?
ס'אַ ליגן אַז מיר בענקען נאָך די חזיר־רוקנס!
באַשולדיקסט אונדז דערין װאָס ס'טוען דײַנע מענטשן...
פּאָר לשון־הרע ביסט פֿון אונדז פֿאַרמשפּט: שטאַרבן! —
איך שרײַ: — זײַט מוחל מיר, אומשולדיקע װאָראַנעס!
איך האָב חרטה. בין אויף זיך ערשט גוזר־תּענית.
פּאָר מײַנע זינד אַקעגן אײַך — אַלײן באַשטראָף זיך... —
אַ לעצטער פּיק. — געװאַלד! — איך רײַס אַרויס פֿון שלאָף זיך.

גבעתיים, יולי. 1966

לאַכט, לאַכט!

זײ שפּאָטן־אויס מײַן ליד, װאָס „איז נאַיִװ!",
מײַן ליבשאַפֿט צו דעם לאַנד, װאָס זײ בלײַבט פֿרעמד,
ס'טוט ציניש זײער שמײכעלע אַ שטיף:
„ער רויטלט זיך אַפֿילו נישט פֿאַרשעמט".

יאַ, יאַ, איר זענט שוין „קלוג" און װײסט „די װאָר",
אַז „לעבן" הײסט: „װאָס מערער כאַפּ אַרײַן!" —
די תּורה פֿונעם אויסגעגליטשטן דור,
װאָס װאַסער איז זײַן בלוט, געמישט מיט װײַן...

מעג זײַן נאַיִװ מײַן ליד — דערמיט כ'שטאָלציר,
װי מיט מײַן זיסער ליבשאַפֿט צו מײַן לאַנד!
און רויט װערן דאַרפֿט א י ר! זאָלט א י ר,
װאָס גרײטן צו זיך אַ מצבה: שאַנד!

איך װײס: װען איר װעט לײענען דאָס ליד,
נאָך ציניש ער װעט קלינגען דאָס געשפּעט:
„געקומען פֿון אַ הימלשן יאַריד
אַ גלויביקער, נביאישער פּאָעט!..."

לאַכט, לאַכט! דאָס לאַכן װעט אין אײַער קעל
פֿאַרקערן זיך אין װאָרגנדיקן בײן,
און, טויט־דערשראָקן, אײַער שטאָלצער שטעל
װעט טיף־געבויגן קײן קאַנאָסע גײן...

ראש־השנה, תשכ"ז. 1966

באַוווּנדערט!

דעם ערב־רב סנאָבן אין ישראל

אַ ראָבל
אַ סנאָבל,
פֿאַרקלעמט אין שנאָבל
אַ רויזנבלום,
קוקט שטאָלץ אַרום
אין אַלע זייטן
צו דעם „באַלייטן",
ווי איינער רעדט:
„באַוווּנדערט דעם פּאָעט!"

גבעתיים, אָקטאָבער, 1966

אייביק באַזונדער

ס׳גרינט שער־הגולן אין שכנות
מיט דעם מסדה־גרינס שוין יאָרן,
נאָר איטלעכער פֿאַר זיך אַליין איז.
פֿאַר וואָס זיך נישט צוזאַמענפֿאָרן?

בשותפות איז נאָר דער בית־עולם.
נאָר הערט אַ וווּנדער איבער וווּנדער,
דערשטוינט איך שטיי דאָ, ווי אַ גולם:
די מתים לייגט מען אויך באַזונדער?!

אַ טויטע שטילקייט, שווער ווי בליי...
נאָר ס׳בלעטלט שטיל אַ בוים: „מסתם,
ווייל איינער רעכט איז — פֿון מפא״י,
און לינק דער צווייטער — פֿון מפ״ם, —
צי קאָן זיך פֿאָרן לינקס מיט רעכטס?
ביים צווייטן איז דאָס גאָרע שלעכטס!"

— און זיי, די מתים? — פֿרעג איך. „שווייגן,
ווי מיינע אָפּגעזעגטע צווייגן..."

שער־הגולן, סוכות, תשכ״ו, 1966

תפילה־ליד

דעם הונגעריקן מיידעלע פון בית־שאן

אוי, שענק מיר ווערטער לויטערע און שטילע,
ווי טרערן אויסגעטריפטע בעת אַ תפילה
פון מאַמעהאַרץ פאַר אירע שוואַכע קינדער,
סע זאָל דער הונגער מאַטערן זיי לינדער.

מיין ליד זאָל זיך מיט זיפצן לויטער־שטילע
צוזאַמענשמעלצן מיט דער הייסער תפילה
פאַר נישט־צו־זעט־דערעסנדיקע קינדער — — —
ווייל ס׳פרעסן־זויפן פרעכע הויטנשינדער...

שטעל־אָפּ זיך, שטיי, מיין תפילה־ליד! איך ציטער:
כ׳שפּיר ווערטער אויף מיין צונג ווי הייסע ריטער,
און וועסט שוין מער נישט זיין קיין תפילה, נייערט
אַ קללה, וואָס מיט צער־און־צאָרן פייערט...

גבעתיים. יאַנואַר, 1967

מיט גלויבן און ליבשאַפט

איר טענהט: ס׳לאַנד האָט קרעצלעך אויפן פּנים,
אויך פלעקן אויפן האַרץ, — און זיך באַקלאָגט:
אַ פלעק אַזאַ אַרויסציִען ווי קאָן מען,
אַפילו ווען על־חטא אין האַרץ מע שלאָגט?

מען קאָן אַרויסזאַפּן מיט גלויבן קרעצלעך,
מיט וואַרער ליבשאַפט — זויבערן אַ פלעק,
אַז אַלץ וואָס איז אין היימלאַנד אומגעזעצלעך
זאָל צוריק פאַרקערעווען צום גלייכן וועג.

אין האַרץ די ריינע ליבשאַפט לאָמיר וועקן
און ס׳גלויבן לויטערע, — און מיט אַנאַנד
אַרויסציִען זיי וועלן אַלע פלעקן
און לייטערן דאָס פּנים פונעם לאַנד.

גבעתיים. יאַנואַר, 1967

אינהאַלט

בלומען אין מײַן לאַנד

* 2
אונדזער נשיא — מײַן שיר־הזהב 5
נײַע לידער 6
בלומען אין מײַן לאַנד 6
בלומען 6
כמאַרעס 7
ערב־מוטער 8
אַן פֿרעסט און שנײען . . . . 9.
אין רגעס פֿון װעלקונג 9
*** 10
אויף אַ פֿרימאָרגן־שפּאַציר . . 10
אונדזער װינטערזון 13
אַ װיזיע אין פֿעלד 13
ליד פֿון אַ יורד־ועולה 14
אסתּרל װײצמאַן 16
עדמונד דײַן — יוסף איפּאַרגאַן . 16
דער פֿרירעגן 17
אונדזער זון אין שבט 18
באַלאַדע פֿון מײַן תּחיית־המתים . 18
באַלאַדע פֿון מאַמע און זון . . . 20
באַלאַדע פֿון באַלײדיקטן נביא . 21
כרמיאל 23
אַ יאָריקער געבוירן־טאָג . . . 24
מיט דײַן גאַנצן הארצן 24
משיח 26
שלום מיט רשעים 27
געזאַנג אין מודיעין 28
באַלאַדע װעגן דעם „פֿאַלקסװאַגען" 30
בײַ אַ ציפּרעסבוים 35
אַן עלנטער בוים 36
אונטער אַן עפּלבוים 37
אַבֿרהמס װוּנדערבוים 38
צום זשאַקאַראַנדאַ־בוים 39
אין שאָטן פֿון עלנטן באַקסערבוים 41
בײמער גרים אין מײַן לאַנד . . 42
אַ גרויער פֿרימאָרגן 43
רעגנס 43
װײַל ס'לעבט די זון 44
אײן לאַנד — אײן שטאַט . . . 45
מיר זאָל זײַן פּאַר דיר 46
מײַן כּבֿוד אײַך 46
אַ בחור אַ ישׂראל־פּויער . . . 47
אַ שוטר אויף אַ פֿערד . . . 48
ייִדן־שׂנאה 49
בצורת 50
גיט אונדז ערד 51
אַ חתונה אויף דער גרענעץ . . 52
באַלאַדע פֿון יאַנוש קאָרטשאַק . 54
שבת קודש 55
איך װער דײַן שופֿר 57
צידוק־הדין 57
געזאַנג צו די בוימער 58
הלוי 59
די ליבסטע בלום 60

אין לאַנד הערשט רו 61
שלום עליכם 63
דער זיידע מיטן אייניקל . . . 64
איך זע אַ וואַגשאַל 65
צו לייוויקן סאַנעטן 66
בריוועלעך דעם זון אין צה״ל . . 67
גשמי ברכה 71
צו דיינע תכלת־הימלען 72
אַ דאַנק דיר, ליד 73
און אַז מיין לאַנד 73
באַלאַדע ביי דער ישראל־גרענעץ 74
תפילה פון אַ „טירון״ס מאַמע . . 76
ליכט 78
ביכער 79
צווישן פריש־געבויטע 80
נאָוועמבער־פרימאָרגן 81
רעקרוטן־געניטונגען... 81
כסלו ערב טבת 83
אין פאַרפלייץ פון נחל־שיקמה . 84
צווישן רעגנס און רעגנבויגנס . . 85

צאַברעסקוסטעס אין מיין לאַנד

וואָר און ווערן 87
אי פרייד, אי טרויער 88
צו געוויסע בירגער 88
קאַרטנשפּילער 89
צו אַ סאַברע 90
כ׳בין נישט קיין נביא 91
נאָך נישט באַפרייטע קנעכט . . 92
די פירער 93
מיר זענען אַלע 93
אַ דיספּוט 94
איר האָט געבעטן 95
שוועסטער מיינע 96
אונדזער זון 97
מאַנאָלאָג פון אַ „בן־טובים״ . . 98
צו איינעם אַ צאַברע 99
משיחס דור 100
מעבל 101
צון אַ קיבוצניק 103
איר לייט ווי צווייגן אָפּגעהאַקטע 103
צו אַ פילוועלער 104
צו אַ פריינט אַ יורד 105
איך מאָן אַליין ביי זיך . . . 106
וואַראַנעס אין מיין לאַנד . . . 107
לאַכט, לאַכט! 108
באַוווּנדערט! 109
אייביק באַזונדער 109
תפילה־ליד 110
מיט גלויבן און ליבשאַפט . . . 110

GOLDEN AGE ASSOCIATION
5700 WESTBURY AVE.
MONTREAL, P.Q. H3W 3E8